STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 01285

# DER OYTSER FUN MAYN GEDANKEN VELT

Pesah Gordon

*Permanent preservation of this book was made possible*
*by Maxine & Robert Seller*
*in honor of*
*Levi Jonathon Seller*

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

פסח גארדאן

# דער אוצר
## פון מיין געדאנקען וועלט

שארפזיניקע אפאריזמען
עפיגראמען און גלייכווערטלעך

„הפוך בה והפוך בה דכולא בה"

באנד 3

תל־אביב תרצ"ז

דעם מחבר'ס אדרעס
P. Gordon, P. O. B. 311, Tel-Aviv (Palestine)

נאַכדרוק שטרייַנג פאַרבאָטן.

געדרוקט אין ארץ־ישראל

דפוס קואופ׳ „אחדות״ בע״מ, תל־אביב.

לזכר נשמת בתי היקרה

העלענע

שנקטפה מאתי באביב עלומיה



## פ אָ ר ו ו אָ ר ט

אין דעם בוך „דער אוצר פון מיין געדאַנקען־וועלט״, וואָס איך גיב דאָ פאַר דעם געערטן לעזער, שפיגעלט זיך אָפּ דער געדאַנק, דער מאָראַל, דער גייסטליכער אייגענטימליכקייט פונ׳ם אידישן פאָלק.

די אפאָריזמען מיינע זיינען אַ פראָדוקט פון פיעל איבערטראַכטן און טיעף גריבלן זיך אינ׳ם מענשענס נשמה, זיי זיינען מיין סוביעקטיווע וועלט אנשויאונג, וועלכע דריקט זיך אויס אין פאַר־שיעדענע לעבענס־אמתן. איך האָב געשריבן אַפאָריזמען כמעט אויף אַלע לעבענס־ערשיינונגען און האָב זיי געשריבן אין חרוזים (גראַמען) כדי דעם לעזער זאָל זיין אַנגענעהם צו לעזען און גלייכ־צייטיג אויך קענען בעסער געדענקען. מיינע אַפאָריזמען זיינען אַ נייע ערשיינונג אין דער ליטעראַטור פון אַפאָריזמען, דען ביז היינט האָט נאָך קיינער פון די אַפאָריזמען־שרייבער געשריבן אין חרוזים.

איך האָף, ווען די לעזער וועלן לאַנגזאַם און טיעף דורכטראַכטן יעדען אַפאָריזם באַזונדער, וועלן זיי אָהן שום ספק גייסטיג פראָפּעטירן און גלייכצייטיג האָבן גרויס פאַרגעניגן.

דער מחבר

1

צו הייראַטן אַ שעהנע פרוי,
זאָלסטו קיינעם ראַטן;
וואָס גרעסער עס איז די ליכט
אַלץ שטאַרקער איז דער שאָטן...

2

אַז דער מאַן איז אַ טייוועל,
דאָס איז ביי אַלע מיידלאַך זיכער.
פון דעסטוועגן וואָלטן זיי וועלן,
אַז דער טייוול זאָל זיי נעהמען וואָס גיכער...

3

אַ פרוי און אַ פעסטונג
ווי שטאַרק זיי זאָלן ניט זיין
נאָך אַ לאַנגן בעלאַגערן,
פאַלן זיי איין...

### 4

עס איז לייכטער צו פרעגן אַ מיידל
ווען וועט זי שטאַרבן.
ווי איהר צו פרעגן:
אין וועלכען יאָהר איז די מוטער מיט איר
אין קינפעט געלעגן?

### 5

די ליעבע איז אַ ברונעם
אין וועלכע עס זינקען,
די וואָס האָבן אַליין אויסגעגראָבן
וואַסער פון איהם צו טרינקען...

### 6

מאַנכע פרויען ווילן זיך ניט קושן
ניט ווייל זיי זיינען פויל,
נאָר זיי איז אַ שאָד אויף אַ רגע,
צוצומאַכן דאָס מויל.

## 7

„אלמלא המשתגעים לא היה העולם קים״ —
ווען ניט די משוגעים וואָלט די וועלט אונטערגעגאַנגען,
אַזוי זאָגט דער רמב״ם.
אַ קלאָג צו די וועלט אַז זי עקזיסטירט
פון די וואָס זיינען פון זינען געריהרט!

## 8

אַז אין גיהנם איז ניטאָ קיין פעכער,
דאָס דאַרף יעדע מיידל וויסן,
דאַרום טאָר זי קיינמאָל ניט שטעהן צו נאָהנט צו איהר געליעבטן
עס קען איהר דאָס שפּעטער פאַרדריסן...

## 9

צו געווינען אַ פּרוי:
מוז מען אַ אויטאָמאָביל האָבן.
און אַ פּרוי צו פאַרלירן:
מוז מען אַ שאָפער האָבן
דעם אויטאָמאָביל צו פיהרן...

## 10

ווען פּרובירן וואָלט דער מאַן פֿאַר זיין פרוי
דעם טעלערל פון הימעל איהר ברייגגען אַראָפּ,
ווערט זי שפעטער מיט דעם זעלבן טעלערעל,
איהם ווארפן אין קאָפּ.

## 11

„גברי דנשי קטליהו לית דינא ולא דינא" —
דער מאַן וואָס די פרוי האָט איהם פאַרן נאָז געפיהרט
און איז געוואָרן דורך איהר רואינירט,
אויף איהם זאָגט די גמרא:
אַ שעהנע, ריינע כפרה.

## 12

אַז פרויען זיינען גוט־הערציג
דאָס איז זיכער, קיינער קען ניט זאָגן עס איז ניט אַזוי,
אָט נעהמט זי אַרונטער יאָהרן פון זיך,
און לייגט עס צו צו אַ צווייטע פרוי...

## 13

געה אימער פאָרוועדטס, קוק ניט וואָס אין דער
פערגאַנגענהייט

האָט זיך בעהאַלטן פאַר דיר דאָס גליק;
לוט׳ס ווייב איז געוואָרן אַ שטיק זאַלץ,
ווייל זי האָט אַ קוק געטהאָן צוריק.

## 14

גאָט האָט געשאַפן די פרוי
פון אדם׳ס ביין
און דאָס איבעריגע —
מאַכט זי צו רעכט אַליין...

## 15

וואַרף ניט דעם צווייטן מיט קאָמפּלימענטן
דערצעהל איהם ניט כסדר וואָס פאַר אַ גוטער
פריינט פון איהם ביזטו;
אַ רעגענבויגן אַז עס האַלט אָן מעהר ווי צעהן מינוטן,
קוקט מען זיך שוין מעהר ניט צו.

## 16

דער וואָס גלויבט ניט אין „מאָנאָטהעאיזם״
נאָר אין צוויי געטער ער דינט,
דער ווערט —
אין צוויי גיהנום׳ס געברענט.

## 17

ניט די חתונה איז דער אומגליק,
ניט שרעקן דאַרף מען זיך דערפאַר,
נאָר די „חתונות״ וואָס שפּילן זיך אָפּ נאָך דער חתונה,
אָט אין דעם ליגט דער געפאַהר.

## 18

עס איז פיעל גלייכער וואָס אדם האָט געגעסן פון
עץ־הדעת,
און האָט געבראַכט דעם טויט אויף דער ערד,
ווי דער עץ־הדעת וואָלט געבליבן גאַנץ,
און מיר וואָלטן געלעבט ווי די פערד...

19

אַז מיידלאַך זיינען כישוף־מאַכערקעס,
האָט איהר צוויי גוטע סימנים;
זיי שיסן מיט די אויגן
און די פולווער בלייבט ליגן אויפן פנים...

20

„כסף וזהב מטהר ממזרים“.
אַזוי האָבן געזאָגט אונזערע חכמים.
נאָר וואָס פאַר אַ מענש דאָס געלט מאַכט איהם,
אַזאַ יאָהר אויף אונזערע שונאים.

21

קיין וואונדער וואָס פריהער געשאַפן איז אדם
און חוה נאָכדעם,
גאָט האָט געמוזט טאָהן אַזוי,
ער האָט אויך מורא געהאַט אָנצוהויבן מיט אַ פרוי...

## 22

מייננגען איבער ליעבע

ביי דעם פּאָעט — דער געטליכער טראָפּן וועלכע
גאָט האָט אַריינגעגאָסען אין דעם בעכער פון לעבן,
אום זיין ביטערקייט צו פאַרזיסן.

ביי אַ שעהנע מיידל — אַ נעץ צו פאַנגען צוויי
פיסיגע בהמות.

ביי פאַרהייראטע מענער — א שווינדלערן פון
איהר געבורטס אָן.

ביי אַן׳אַלטע מיידל — אַ קינד פון חוה׳ס שלאַנג.

ביי אַ יונגען־מאַן — אַ רפואה צו היץ־קראַנקהייט.

ביי פרויען — אַ באַשעפעניש וואָס ווערט געבוירן אין
די אויגן און שטאַרבט פון אויסצעהרונג אין האַרצן.

ביי אַ פאַרפּיהרטע מיידל — אַ הונט וואָס בייסט
אָהן ציינער.

ביי פאַרליעבטע—אַן׳אַנטשעפּעניש וואָס לאָזט ניט לעבן.

ביי אַ פרומען — אַ גוטער מיטל פאַרן יצר־הרע.

ביי אַ מאוסע מיידל — אַ קריפּל וואָס האָט קיין כח
צושפּרינגען פון איין האַרץ אין די צווייטע.

ביי אַ מלמד — אַ מאַשין וואָס שטעלט צו חדר־אינגלעך.

ביי אַנ׳אָפּגענאַרטע אין דער ליעבע — אַ שפּיעז
וואָס לעכערט הערצער.

ביי אַן׳אַלטן בחור — אַ ציגאַר וואָס געהט אַוועק
מיטן רויך.

ביי אַ דאָקטאָר — אַן׳אַגענט וואָס שטעלט צו
סחורה פאַרן דול־הויז.

## 23

מאַנכע מענשן וועלן גיכער געבן
אַ שטיקל פלייש צו אַ הונט פון אַ גביר,
איידער אַן אָרימאַן אַ שטיקל ברויט,
ווען ער קומט צו זיין טהיר.

## 24

זעהר ווייניג מיידלעך
זאָגאָר אידעאַליסטינס באַוואוסטע
וועלן אָננעהמען די האַנט פון אַ מאַן,
ווען זיין קעשענע איז אַ פוסטע.

## 25

וואָרום די רייכע זיצען שטענדיג אויבנאָן
און די לומדים אונטן,
דאָס איז קיין וואונדער,
עס איז אַ באַוואוסטער כלל:
אַז „אמת" איז מלרע,
און „שקר" איז מלעיל.

## 26

צוערשט הערט מען
ווי די אַקטעריסע זינגט,
און נאָכהער זעהט מען
ווי די אַקטעריסע זינקט...

## 27

זעץ איבער דעם „על־חטא״ אויף אידיש
אַלע זאָלן פאַרשטיין,
וועט דעם על־חטא ניט זאָגן,
אַפילו דער רב אַליין.

## 28

היט זיך פאַר די פרוי:
פון איר שוואַכקייט זאָלסטו ניט שפּאָטען;
אַ האָר ווי דין און קליין זי איז,
האָט אויך אַ שאָטן...

## 29

אַז פרויען האָבן ניין מאָס רייד,
דער כלל איז איבעראַל פאַרשפרייט,
טאָ וואָס איז דער וואונדער
אַז צו דיינקען האָבן זיי קיין צייט?

## 30

„די מאמינים זיינען די גליקליכע"
אַזוי זאָגן אַלע,
נאָר אויב די גליקליכע זיינען די מאמינים,
דאָס איז אַ גרויסע שאלה.

## 31

שטעה ניט צו נאָהענט צו די ליעבע,
דו זאָלסט ניט פאַרברענט ווערן.
שטעה ניט צו ווייט,
דו זאָלסט ניט פאַרפראָרן ווערן.
שטעה ניט צו נאָהענט,
שטעה ניט צו ווייט,
ועסטן ניט אַלט ווערן
פאַר דער צייט...

## 32

דער אמת איז אַ שעהנע נאַקעטע פרוי
וואָס וויל אַלע זאָלן צו איהר זיך בוקן.
דעריבער קען קיינער —
איהר אין פנים קוקן.

## 33

פאַלשע געלט דערקענט מען
ביים נעהמען.
און אַ פרוי —
נאָכן נעהמען...

## 34

דער גלויבן האָט אַ ווייכע האַרץ
דאָס פאַרגיט יעדען איינעם וואָס פאַר איהם וויינט.
אַנ׳אכזר איז דער שכל:
איהם העלפט ניט קיין חניפה,
איהם העלפט ניט קיין גלעט,
דאָס הערט ניט צו קיין געבעט.

35

פאַר וואָס גאָט האָט באשאפן
פריהער אָדם'ן און נאָכדעם חוה'ן
און ניט מיט אַמאָלביידן:
ווייל גאָט האָט געוואָלט געבן אדם'ן די מעגליכקייט
אַ וואָרט אויסצורייִדן...

36

ווען מענשן וואָלטן וועלן
מיט וואַסער ריין מאַכן
די נשמות פון זייערע פלעקן,
וואָלט פאַר זיי דער ים ניט קלעקן.

37

זאָלן די מענער דאָס וויסן
זאָלן זיי פאַרשטיין,
אַז אַ פרוי איז ווי אַ ציגאַר,
מען טאָר איהר ניט לאָזן אויסגיין...

## 38

ווילסטו וויסן דעם צווייטנס נשמה
אויב זי איז גרויס אָדער קליין:
פרעג איהם וואָס איהם פעלט,
ועסטו פון זיין ענטפער פאַרשטיין.

## 39

אַז אַ פרוי איז ווי די זון,
האָט איהר צוויי גוטע סימנים:
זי שיינט
און פאַרשוואַרצט דעם פנים...

## 40

מאַנכע אידן האַפּן אַ פליג,
מאַכן דערפון אַ עלפאַנט.
און הויבן אָן צו האַנדלען מיט אַ שותף אָדער אַליין,
מיט עלפאַנט־ביין.

## 41

װאָס די ליעבע איז בלינד,
דאָס איז ניט וויכטיק,
דער אומגליק איז:
װאָס ער ווערט גיך ליכטיק...

## 42

אַ גרינער עפּעל
זיצט שטענדיק הויך אויפן בוים,
אַ זאַפטיקער אַ רײפער —
װאַלגערט זיך אויף דער ערד
און מען באַמערקט איהם קוים.

## 43

ווי אַ נול איז אַאונפאַרהײראַטע פרוי,
פּוסט און נישט איז איהר לעבן.
ווייל זי עפּעס ווערן,
מוז זי פאַר זיך אַ ציפער צוגעבן...

## 44

עס איז קיין וואונדער וואָס אַ מלמד לעהרנט אַ צווייטן
און אַליין איז ער דום.
אויך אַלע שוסטערס,
גייען באָרוועס אַרום.

## 45

אַ סך פרויען וואָלטן שוין לאנג
פון זייערע מענער אַ גט גענומען,
ווען זיי וואָלטן געהאַט אַ נייע הוט
צום רב צוקומען.

## 46

היינטיגע יונגע־לייט שפּאַצירן אַרום אין די
מיידלס־האַרץ.
נור מיט דעם איין געדאַנק:
אַז דער שפּאַציר זאָל זיי צופיהרן
ביז איהר פאָטערס געלט־שראַנק...

## 47

אַנ'איבערזיכטיגע פרוי,
העלפט ניט קיין איבערצייגונג
אַפילו פון איהר בעסטער פריינט;
אַ סקעפּטיקער האַלט אין האַנט אַ לאַמפּ,
און קוקט אויב די לבנה שיינט.

## 48

„דער אמת איז דער פייער וואָס בעלייכט דעם שקר".
דעריבער שטעהען ניט מענשן
נעבן איהר נאָהנט,
זיי האָבן מורא טאָמער ווערן זיי פאַרברענט.

## 49

דאָס דאַרף יעדער בחור און מיידל פאַרשטיין:
אַז די ליעבע איז אַ קורצע רייזע,
דורכן גן־עדן אין גיהנום אריין...

## 50

אַנ׳עניו דער גרעסטער,
האַלט פון זיך מעהר,
ווי עס האַלט פון איהם
זיין פריינד דער בעסטער.

## 51

וואָס פרויען פאַרבן זייערע האָר רויט,
צייגט אונז אַז זיי זיינען קיין דומע:
זיי ווייסן,
אַז דער איד פאַרהייליגט — אַ פרה־אדומה...

## 52

„יעדער קינד ווערט געבוירן מיט אַ געוויין״,
ווערט ער גרויס
און פון ביטערן לעבענס־טראָפּן ער געניסט,
דאַן פאַרשטעהט ער, אַז ער האָט געוויינט ניט אומזיסט...

53

לקוי־חמה, לקוי־לבנה און רבנים,
די דריי האַלטן ניט פון לאו „לא תשיג גבול רעך״:
דאַריבער האַלט זיי קיינמאָל ניט אָפּ,
צוקריכן איינער אויפן צווייטענס קאָפּ.

54

אַז אַ נאַר קראַצט זיך, טהוט ער דאָס ניט,
ווייל ער פאַרשטעהט אַז אַזוי דאַרף מען טאָהן,
נאָר ער זעהט אַז עס קראַצן זיך אַלע
מאַן אָדער פרוי,
טהוט ער אויך אַזוי.

55

אַ סך שכל ביי אַ מאוסע מיידל,
מאַכט איהר פנים פול מיט חן;
אַ קליין שוועבעלע פאַרטרייבט די פינסטערניש,
ווי פינסטער די נאַכט זאָל ניט זיין.

## 56

ווילט איהר לעזען
משונה׳דיגע אויסגעטראַכטע שקרים,
זייט מוחל שפּאַצירט אַביסל אויפן בית־עולם
און לעזט די מצבות אויף די קברים.

## 57

דאָס האַרץ פון אַ פרוי
איז צו אַ בוך געגליכן:
מאַנכע לעזען עס און פאַרגעטערן,
און מאַנכע — נאָר זיי בלעטערן...

## 58

דאָס איז זיכער
דאָס איז קיין שאלה:
מיידלעך וואָלטן זאָגן זיי זיינען עלטער פאַר
זייער באָבען,
ווען עלטער וואָלט געווען אַ מעלה.

## 59

עס איז קיין וואונדער וואָרום דער שקר איז שוואַך,
ניט שטעהן קען ער אויף די פיס,
און דער אמת איז שטאַרק געזונט און פריש:
דעם שקר נוצט מען כסדר,
האָט ער זיינע קרעפטן פאַרלאָרן,
דעם אמת נוצט מען זעלטן,
האָט ער זיינע כחות נאָך ניט אָנגעוואָרן.

## 60

פאַרוואָס מיאוסע מיידלאַך זיינען גייסטרייכער
פאַר די שיינע,
דאָס איז לייכט צו ערקלעהרן:
וואָס פינסטערער עס איז די נאַכט,
אַלץ גלאַנצן מעהר די שטערן...

## 61

דורך א שמאָלן דורכגאַנג,
איז ביים בעסטן ווילן,
ניטאָ קיין פריינד
און קיין ברודער געפיהלן.

## 62

דער קלוגסטער מענש אויף דער וועלט,
וועט ניט פאַרשטיין
איינצוריידן אַ פרוי:
זי זאָל אין גאַס ניט געפּודערט אַרויסגיין.

## 63

„חכמת מסכן בזויה״ —
די בילדונג פון אַנ׳אָרעמאַן ווערט ניט געאַכטעט,
אַזוי האָט געזאָגט דער קעניג שלמה.
דאַריבער קלייבט מען שטענדיק אויס אַ פיהרער —
אַ גביר און — אַ בהמה...

## 64

זעהסטו ביי אַ מיידל שעהנע האָר,
איז דאָס געוויס פאַלשע,
זעהסטו אָבער ביי איהר אַ הויקער,
דאָס איז אסור קיין געלעכטער,
דו מעגסט זיכער זיין
אַז דאָס איז אַנ׳עכטער.

## 65

די פיער זאָלסטו ניט גלויבן:
אַ פראַצענטניק אַז ער זאָגט דיר —
ער האָט פיינט געלט.
אַ מיידל, אַז זי שווערט זיך —
זי קען ניט זיין פאַרשטעלט.
אַ שוויגערטאָכטער, לויבט איהר שוויגער —
אַז זי איז די בעסטע אויף דער וועלט.
און אַ בחור וואָס קריגט אַסך נדן און וויל דיר
איינריידן —
אַז נאָר די מיידל איהם געפעלט.

## 66

ווען דער בחור וואָלט זאָגן די מיידל,
דעם אמת פאַרוואָס ער ליעבט איהר,
וואָלט זי ווערן פון שאַנדע רויט,
און ווינשען די ליעבע דעם טויט...

## 67

מיסטרויע מענשן אַז זיי גיבן די האַנט,
קענט איהר זעהן,
ווי זיי ציילען נאָכדעם איבער די פינגער
אַמאָל צעהן.

## 68

דאָס צו וויסן
איז פאַר יעדען איינעם וויכטיק:
אַז ביים בעסטן פריינט ווען אָנהויבן צוטונקלען
די אויגן,
ווען ביי דיר איז צופיעל ליכטיק.

## 69

אַ פרוי איז ווי שטאַרקע ווייַן:
וואָס פאַרדרייט דעם קאָפּ,
און דערקוויקט דאָס הערץ.
שלאָפּט מען זיך אויס
פיהלט מען דאָס שמערץ...

## 70

אַז דו זעהסט איינעם
וואָס טרויט קיינעם,
דאַרפסטו פאַרשטיין
אַז מסתמא קען ער זיך גוט אַליין.

## 71

לעשן די ליעבע מיט װאַסער
דאָס װעסטו קײנמאָל קענען,
לאָז דאָס גליהען,
װעט דאָס לאַנגזאַם זיך אױסברענען...

## 72

די קעשענע בײם קאַרגען,
איז װי דער מיסט־קאַסטן בײם טהיר,
װאָס מעהר עס איז אָנגעפילט,
אַלץ מעהר שמוץ איז אין איהר...

## 73

פּרוביר זאָג אַ פרוי:
זי זעהט אויס עלטער פון איהר מאַן,
צורײסן װעט זי דיר פון צאָרן,
פון דעסטװעגן הערט זי ניט אױף,
צו פאַרקירצן דעם מאַן די יאָהרן.

## 74

דו קענסט גיכער געפינען פריינט
וואָס וועלן אויף דיינע צרות טרעהרן פאַרגיסן,
ווי די וועלכע זאָלן אויף דיין שמחה,
מיט פרייד באַגריסן.

## 75

אַ פרוי איז ווי אַ בעלאַגערטע שטאָדט,
איהר קענט איהר איינגעהמען
גאָר אָהן מיה,
ווען אויסגעהונגערט איז זי...

## 76

„לא לחכמים לחם" —
קלוגע האָבן ניט קיין ברויט,
דאָס איז ריכטיג ווי די צעהן געבאָט.
אָט זאָגן מיר דאָך אַלע:
„אדם ובהמה תושיע ה'" —
אַז אַ מענש איז אַ בהמה,
העלפט איהם גאָט.

## 77

צוואַנציג שומרים וועלן ניט קענען אָפּהיטן אַ פרוי,
זי זאָל ניט פאַרלירן
איהר גלייכגעוויכט,
ווי אַ מאוסע געזיכט...

## 78

אַ העלפט יאָהרן פאַרברייינגט דער מענש
זוכענדיג דאָס גליק איבעראַל,
און די צווייטע העלפט —
אין בעדויערן זיין שיקזאַל.

## 79

ווען בעשאַפן דעם מאַן וואָלט די נאַטור מיט פליגלען
ער זאָל אויך ווי דער פויגל קענען פליהען,
וואָלט די פרוי פאַר איהם דער בוים געווען,
צו שטעלן אויף איהר זיך אָפּרוהען...

## 80

ווען דער מענש וואָלט וויסן
וויפיעל פעהלערן ער באַגעהט אין לעבן;
וואָלט ער דאַן וויסן,
וויפיעל מענשן דאַרפן איהם פאַרגעבן.

## 81

אַ פרוי איז ווי אַ בלום:
קוקט מען פון ווייטן,
פאַרשאַפט עס פאַרגעניגן.
רייסט מען דאָס אָפּ און מען נעהמט עס צו זיך,
האָט מען ליידער! חרטה גיך...

## 82

וואָרום די געדריקטע בעטן ניט קיין הילפע
און געהען ביי אַ פּראָצענטניק בעסער?
זיי האַלטן זיך אָן כלל:
אַז מען טריינקט זיך האַפּט מען זיך אָן אַ מעסער...

83

דער וואָס איז שטאַרק פאַרליעבט
אַפילו אַזאַ חכם ווי קעניג שלמה,
קען זיך אויך איינהאַנדלען
אַ קוה אַ בהמה...

84

ווען מענשן וואָלטן ריידן נאָר דאָס וואָס זיי פאַרשטיין
און דורכטראַכטן איינציגע מאָל,
וואָלט די וועלט פאַרמאָגט —
שטומע אָהן אַ צאָל.

85

קיין וואונדער וואָרום פאַר דער חתונה
זיינען מיידלעך שטיל ווי אַ טויב,
און נאָך דער חתונה מאַכן זיי געוואַלדן
אַז קאָפּ און אויערן טוהען וויי:
אַ הוהן קוואָקעט און שרייט מיט קולות,
ערשט נאָכדעם ווען זי האָט אויסגעלייגט די איי...

## 86

דאָס לעבן איז ווי אַ צוריסענער מאַנטל:
מען שטויבט, מען פאַרריכט, מען ניצעוועט איבער,
מען לייגט אַ לאַטע אויף אַ לאַטע,
און מען טראָגט עס אַזוי לאַנג,
ביז עס צופאַלט ווי אַן' אַלטע שמאַטע.

## 87

דאָס גרעסטע פאַרגעניגען פאַר אַ מיידל
פון דער היינטיגער מאָדערנער צייט:
צו צונעהמען פון איהר חבר'טע איהר געליעבטן
און וואוינען פון איהר ניט ווייט.

## 88

אַ מאַן ווערט פון אלעמען געליעבט:
ווען ער נעהמט הויך שטייגן.
און אַ פרוי פאַרקעהרט:
ווען זי נעהמט פאַלן,
ווערן אַלע אויף איהר אַ בעלן...

**89**

צוליעב א שעהנע הוט,
קען אַמאָל פאַסירן,
אַז אַ מיידל,
זאָל איהר קאָפּ פאַרלירן...

**90**

גלויב ניט אַז דער מענש איז אַזוי גוט:
ווי עס שילדערן איהם זיינע פריינט.
גלויב ניט, ער איז אַזוי שלעכט:
ווי עס שילדערן איהם זיינע פיינט.
גלויב ניט ער איז צו גוט,
גלויב ניט ער איז צו שלעכט,
זיינע פריינט און פיינט
זיינעןביידע ניט גערעכט.

**91**

ווילסטו אַז פאַלן זאָל די פרוי
פון דיין באַקאַנטן,
לייג איהר אין וועג —
שטיינער פון ברילאַנטן...

## 92

גאָט טרייבט אַרויס פון גן־עדן,
די וואָס ווילן צופיעל וויסן.
און דער גן־עדן טרייבט אַרויס די —
וואָס ווילן צופיעל געניסן.

## 93

אַ חכם איז רבנו־גרשון געווען וואָס ער האָט געזאָגט:
מען טאָר ניט קיין צוויי פרויען נעהמען.
נאָך קליגער וואָלט ער געווען:
ווען ער וואָלט אַ חרם אַרויסגעגעבן,
אַז מען טאָר מיט איינע אויך ניט לעבן.

## 94

מאַנכע טיעפע דענקער,
לאָזן זיך אַזוי לאַנג צום גרונט,
ביז זיי לאָזן דאָרטן איבער —
זייער שכל און געזונט.

## 95

עס איז פיעל לייכטער איבערצוצייגען א מענשן
אַז ער דאַרף זוכן גערעכטיקייט
און פאַראַכטן אַלץ וואָס איז שלעכט,
ווי איהם צו איבערצייגען —
אַז ער אַליין דאַרף זיין גערעכט.

## 96

מאַן און ווייב, זיינען מיט אַ קורצע שטריקל געבונדן,
דאַריבער גט מען זיך אַזוי גיך:
ווייל וואו עס איז קורץ,
דאַרטן רייסט זיך...

## 97

עס איז אַ גליק וואָס צו „תשליך" געהען נאָר פרומע,
און אפיקורסים דערפון שפּאָטן.
ווען געגאַנגען צו „תשליך" וואָלטן אַלע,
וואָלט דער ים שוין לאַנג געווען פאַרשאָטן.

## 98

אויב עס וואָלט געווען פאַרקעהרט:
פריהער חתונה האָבן און אַ יאָהר שפּעטער תנאים,
וואָלטן תנאים געשריבן —
אָקסן, אייזלען, פערד און משוגעים...

## 99

אויב די ליעבע הייס האַלטן
וואָלט מען געקענט מיט פייער,
וואָלט אַ שוועבעלע געקאָסט,
מי יודע ווי טייער.

## 100

עס איז ריכטיג ווי די זון איז קלאָהר:
די וואָס נוצען האַסטיג די גאָלדענע יוגענד אויס,
די קריגן באַצייטנס,
זילבערנע האָר.

## 101

ווען חתונה האָבן וואָלט געווען אַנ׳עבירה:
געלעגן וואָלטן פרויען אַלע יאָהר אין קינפעט,
פון צוויי קינדער סיסטעם, וואָלט קיינער גערעדט,
און עס וואָלט צוגעקומען אין מחזור נאָך אַנ׳על־חטא...

## 102

דער וואונדער פאַרוואָס עסט דער צדיק בייגער
און דער רשע — החזן?
איז דער זעלבער וואונדער:
פאַרוואָס אויף געגנב׳טע קאָרן שיינט די זון?

## 103

די כלה׳ס שלייער אונטער דער חופה,
איז פאַר אַ כיטרען צוועק געמאַכט,
ווען דער רב וועט זאָגן:
„אסר לנו ארוסות״ — חתן כלה טאָרן צוזאַמען
ניט לעבן.
זאָל מען ניט זעהן ווי זי לאַכט...

## 104

ליעבע און אייפערזיכט,
איז ווי פלאָם און ליכט.
ווערט איינע פאַרדאָרבן,
פאַלט די צווייטע אַ קרבן.

## 105

„לא המקום מכבד את האדם"
אַזוי האָבן געזאָגט אונזערע חכמים.
דאָך פּרובירט יעדער פּערזאָן
צו קריכן אויבנאָן.

## 106

אַ יונגנמאַנס האַרץ צו פאַנגען,
קען אַ מיידל מיט אַלצדינג.
און אַ מיידלס האַרץ —
נאָר מיט אַ דימאַנט־רינג.

## 107

ווי מיידלאַך ציילן די יאָהרן,
קומט אויס ריכטיג אויף אַ האָר:
אַז אונזער מוטער חוה איז אַלט,
ניט מעהר ווי אַ יאָהר.

## 108

אַ מאַן קען גלויבן אין ליעבע פון אַ פרוי
און זיין זיכער מיט איהר אַלע זייבע יאָהרן,
אויב די פרוי איז זיין מוטער
וואָס האָט איהם געבאָרן...

## 109

„אַ ליגן מוז מען געדיינקען
אַנ׳אמת דאַרף מען ניט געדיינקען".
דאַריבער איז קיין וואונדער
וואָס מאַנכע מענשן זאָגן נאָר דעם אמת:
ווייל זיי האָבן זייער זכרון,
אינגאַנצן פאַרלאָרן.

## 110

װען משה־רבנו װאָלט אָנגעזאָגט די אידן:
„איהר זאָלט ניט האַקן פון שטײנער בילדער,
אויך ניט פאַרבן דעם פּנים רויט,“
װאָלטן איהם די װײבער געמאַכט דעם טויט.

## 111

שװערט דיר דער מאַן ער ליעבט דיך,
גלויב איהם אויף אַ העלפט.
שװערט ער צו דעם װאָס זיצט אויבן:
אַז דו ביזט די אײנציגע בײ איהם,
זאָלסטו איהם קײן װאָרט גלויבן.

## 112

װאָס העלפט דיר נאַרישע פרוי
זיך פּודערן און שמינקען?
אַז דורך אײן נאַכט, קען דיר דײן טאָכטער,
אַנ׳אײניקל שײנקען.

## 113

געזאָגט האָבן אונזערע זיידעס:
„פרויען האָבן לאַנגע האָר און אַ קורצן שכל",
יאָהרן לאַנג האָבן פרויען דערפון געליטן.
לייכגער צו מאַכן זייער שכל איז זיי געווען אונמעגליך,
האָבן זיי זייערע האָר אָפגעשניטן.

## 114

מאַנכע פרומע קוקן אויס
גאַנץ כשר אויפן פנים,
זאָל זיי אַ שוחט בודק זיין,
געפינט ער אין זיי טריפה סימנים...

## 115

קליין איז דער צונג,
טיעף איז פון איהם די וואונדן,
אַ קליין שוועבעלע קען אויך
אַ הויז אונטערצינדן.

## 116

דאָס איז אַ כּלל
וואָס קיינער קען דאָס ניט באַשטרייטן ;
ליעבע ווערט פון נאָהנט איבערגעבערענט,
און אויסגעלאָשן פון דער ווייטן.

## 117

אַז יעדער אומגליק האָט אַסך סבות,
דאָס קען יעדער איינער פאַרשטיין.
די ערשטע סבה אָבער —
איז דער מענש אַליין.

## 118

דער וואָס רעדט זיס,
און זיין האַרץ איז שוואַרץ ווי אַ קויל,
איז, ווי איינער טרינקט ביטערע טהיי
און האַלט צוקער אין מויל.

## 119

דער אונטערשייד צווישן אַ נאַרישע מיידל און אַ גאַנז,
איז גאָר אַ קליינע:
דאָס האָט פליגלען,
און דאָס האָט קיינע...

## 120

„די חתונה איז די פרוכט פון ליעבע“.
ליידער זיינען די פרוכט זעלטן געראָטן!
ביי איינעם, איז ביט זיס, ביט זויער,
און ביים צווייטן — מיט פעפער באַשאָטן.

## 121

ווי אַ פויגל אין אַ שטייג,
איז אַ סוד ביי פרויען,
דאָס זוכט שטענדיג אַ טהירל,
וואו אַרויסצופליהען.

## 122

דענקסטו אַז דער פרעמדער איז אַ שלעכטער,
קענסטו זיך אַמאָל איהרן,
דענקסטו אַז ער איז אַ גוטער,
וועט דיר דאָס געוויס פאַרפיהרן.

## 123

רבנים לעבן פון גזל״ה: (גזל״ה מאכט)
גאַזע, זאַלץ, ליכט, הייוועז,
און ווערן פון אַלעמען געאַכט.
אַ פּראָצענטניק לעבט פון זיין אייגענעם קאַפּיטאַל,
און דאָך איז ער פעראַכטעט איבעראַל.

## 124

דער קלוגער קען פון איין פרוי —
אַלע פרויען,
און ביי דעם וואָס דער שכל איז קליין,
מוז קענען אַלע פרויען —
אום איין פרוי צו פאַרשטיין.

125

אַ פֿילאַנטראָפּ — שײנקט.
אַ קלוגער — דײנקט.
אַ פֿאַרליעבטער — בײנקט.
און אַ גוטער — קרײנקט.

126

אַ פֿרױ איז װי גרױע האָר,
מען װינשט זיך דאָס צו האָבן,
האָט מען דאָס געקראָגן,
הערט מען ניט אױף צו קלאָגן.

127

„אחד הלוה מן האדם כלוה מן המקום" —
אַז אײנער לײַט געלט פֿון אַ מענטשן
איז גלײַך װי ער װאָלט געליען פֿון גאָט,
אַזױ אונזערע חכמים זאָגן.
דאַריבער זײַנען דאָ אַסך מענשן װאָס בעצאָלן
ניט אַ גמילות־חסד.
זײ טראַכטן זיך: אױב גאָט װיל, זאָל ער זײ קלאָגן.

128

אַ מזוזה העלפט אַז דער „שד״ זאָל אין הויז
ניט אַריינקומען״,
איז אָבער דער „שד״ שוין אַריין:
דאַן העלפט קיין מזוזות,
עס העלפט קיין געבעט,
אויסער — אַ גט...

129

„יענער געהט ניט אין גלייכן וועג״
דאָס איז אַ פּראָזע אַ דומע,
וואָס זיינען די פיס שולדיג?
אַז די קאָפּ איז אַ קרומע.

130

מאַנכע פרויען וואָלטן וועלן
יונג ווערן אַזוי:
אַז דער קאָנדוקטאָר אין באַהן
זאָל ניט בעטן אַ בילעט פון זיי.

### 131

די שעהנקייט פון אַ מאַן —
זיין גרויסקייט.
די גרויסקייט פון אַ פרוי —
איהר שעהנקייט.

(איבערזעצט לויטן תלמוד)

### 132

ווען גאָט וואָלט ערפיהלט
אַלץ וואָס דער מענש ווינשט
און וואָס איהם בעטן די שונאים,
וואָלט אונזער וועלט געוואָרן אַ גיהנום.

### 133

אַ גבור איז דער:
וואָס קומט אויס זיין גאַנצן לעבן
אָהן גייסטיגע נאַהרונג,
און איז געזונט ווי אַ בער.

## 134

גלויב ניט אַז דער רייכער פאַרברייינגט זיין לעבן
שטענדיג אין פריידן;
דער שלאַנג וואַרפט זיין גיפט,
דוקא אין גן־עדן...

## 135

„דעם מענטשנס שכל קומט מיט זיין עלטער״,
טאָ וואָס איז דער וואונדער,
אַז פרויען האָבן שכל —
פון קליינע קינדער?..

## 136

דער וואונדער ווי דוד־המלך האָט גע׳הרגט
גלית־הפלשתי
מיט אַ קליין שטיינדל
איז ניט אַזוי גרויס.
ווי אַ גאָלדענער צווייגעלע רייסט אייזערנע טויערן,
פון שטיינערנע ווענט אַרויס.

### 137

ווייַן און ליעבע,
זיינען גלייך אויף אַ האָר,
שלאָפט מען זיך אויס,
ווערט מען קלאָהר.

### 138

מייד אויס די —
וואָס ליעבן זיך אַליין.
און מייד אויס פריינט,
וואָס האָבן זיך אַליין פיינט.

### 139

ווי אַ שד איז די ליעבע,
עס רעדט דעריבער יעדער איינער,
און געזעהן —
האָט דאָס נאָך קיינער.

140

די מענשן וואָס לעבן עהרליך,
ניט דאַנקען דאַרפן מיר — זיי,
נאָר דאַנקען דאַרפן מיר —
די פּאָליציי.

141

אַ גליק איז געווען וואָס געשאַפן האָט גאָט
חוה'ן פון אַ ביין,
און ניט פון ערד;
ווען ער וואָלט איהר פון ערד געמאַכט,
וואָלט דער „קרן־קימת" געהאַט אַסך שאָדן,
עס וואָלט איהם אויסגעפּעלט מי יודע וויפיעל באָדן...

142

ווען אַ מענש וואָלט זיך אַרויפשטעלן אויף די צרות
וואָס ער האָט דורכגעמאַכט זיין גאַנצן לעבן,
וואָלט ער גאַנץ לייכט,
ביז'ן הימעל דערגרייכט.

## 143

האָט ער חתונה מיט אַ יונגע שעהנע פרוי,
זוכן אַלע מיט איהם אַ שותף צו ווערן.
כאַפּט ער אַ מאוס׳קייט,
זוכט ער אַליין דעם געשעפט צו ליקווידירן...

## 144

די פיער זאַכן זיינען ניט שעהן אָבער ניט שלעכט:
אַז אַן׳אַלטער בחור האָט חתונה מיט אַ שעהנע
יונגע מיידל,
און קריגט נאָך אַ פּאָר יאָהר קעסט.
אַז מען כאפּט אַ צבוע׳יאַק ווי ער אום יום־כפור פרעסט.
אַז מען באָרגט אַ גמילות־חסד, און אַפּצוגעבן
מען פאַרגעסט.
און אַז מען בעהאַלט זיך ווען מען זעהט, אַז
עס קומען אָן געסט.

## 145

„יעדע פרוי וואָלט וועלן זיין אַן׳אשת־חיל״.
דאַריבער איז קיין וואונדער מיר:
וואָס אַסך מיידלעך ווילן חתונה האָבן
נאָר מיט אַן׳אָפּעציער...

## 146

מאַנכע מענשן האָבן דורך זייער רייכטום,
שעהנע פרויען געקראָגן.
און מאַנכע האָבן דורך שעהנע פרויען —
געמאַכט זייער פאַרמעגן...

## 147

רייד לאָגיש זאָגט דיר איינער,
מיינט ער, אַז צו זיין שכל קומט קיינער;
אַ מענש מיט לאָגיק איז דער:
וואָס דיינקט ווי ער.

## 148

גרויס איז דער —
וואָס שטרעבט עפּעס צו ווערן.
און קליין ווערט ער —
ווען ער רעדט זיך איין אַז ער איז שוין עפּעס געוואָרן.

## 149

אַ קאַרגער און אַנ׳איי,
זיינען ווי ברידער צוויי,
וואָס לענגער דו קאָכסט די איי,
אַלץ האַרטער ווערט זי,
און אַ קאַרגער:
וואָס ער זאַמעלט מעהר,
אַלץ קאַרגער ווערט ער.

## 150

ליעבע, דאָס איז אַ שאַרפער עלעמענט,
וואָס מאַכט דעם מאַן „אַ פרא אדם״,
גלייך פון ערשטן מאָמענט...

## 151

די וואָס פאַלן כורעים
און פאַר גאָט וויינען,
שטייען זיי אויף —
איז זיי שוין מעהר ניט צו דערקענען...

## 152

אַ מאַן קען צודריקן זיין פרוי צום האַרצן
מיט די גרעסטע ליעבע וואָס עס גיבט,
און גלייכצייטיג פאַרזיכטיק זיין:
ניט צו דערשטיקן אין האַרצן,
די אַנדערע וואָס ער ליעבט...

## 153

„אַ גוטע פרוי איז אַ גן־עדן".
אַזוי זאָגן אַלע מענער.
ליידער! האָט נאָך דערוויילע,
דעם גן־עדן ניט געזעהן קיינער.

## 154

ווען צוזאַמען מיט די ליעבע,
וואָלט דער געליעבטער אויך די פרוי גנב'ענען,
וואָלט קיינמאָל געטראָפן,
אַז דער מאַן זאָל דעם געליעבטן בעשטראָפן...

## 155

„אדם נכר בכסו" —
אַ מענש דערקענט מען אָן קעשענע,
אַזוי האָבן געזאָגט אונזערע חכמים.
דעריבער מאַכן ניט די ווייבער קעשענעס אין
זייערע קליידער:
כדי מען זאָל זיי ניט דערקענען,
ווער זיי זיינען.

## 156

זאָגט דעם בעל־גאוה וואָס זיצט אויבענאָן
און בלאָזט שטאַרק פון זיך:
אַז אויבענאָן —
זיצט אויך אַ פליך...

## 157

עס איז לייכטער פאַר אַ מיידל
אַ קאַנאָן צוטראָגן,
ווי צו אַ חברת׳ע —
מזל־טוב צו זאָגן.

## 158

אין אַלץ מאַכט נאָך די פרוי דעם מאַן:
שפּילט ער אין קאָרטן —
שפּילט זי אויך.
רויכערט ער —
רויכערט זי אויך.
שערט ער די האָר קורץ —
שערט זי אויך.
נאָר ווען נאָכמאַכן דעם מאַן:
צו דיינקען טיעף און ריידן ווייניג,
דאָס... אויף קיין פאַל,
אין דערין, וויל זי זיין אָריגינאַל.

## 159

ווען אויסגעלאָשן וואָלט זיך דער גיהנום,
און געבליבן וואָלט דער גן־עדן אַליין,
וואָלטן אַ סך פרומע מוחל געווען ביידן,
די מצוות און דעם גן־עדן.

## 160

עס איז אַ וואונדער צו וואָס האָט גאָט נויטיג געהאַט
צו געבן פרעה'ן מכות צעהן?
ער האָט דאָך געקאָנט מאַכן קורץ און גוט:
מען נעהמט און מען רוקט אַזוינעם אַריין אַ פּרוי
אַ מרשעת,
וואָלט ער פון צרות ניט געהאַלטן די אידן קיין מינוט.

## 161

אַ מיידל ליעבט אַ בחור:
ווייל זי וויל ער זאָל חתונה האָבן מיט איהר.
און אַ בחור ליעבט אַ מיידל:
ווייל איהר פאָטער איז אַ גביר...

## 162

די הויכע מצבות וואָס עס ווערט אויף די גרויסע
מענשן געשטעלט,
דאָס זיינען די צוזאַמענגענומענע שטיינער
וואָס מען האָט אויף זיי געוואָרפן,
ווען זיי האָבן געלעבט אויף דער וועלט.

## 163

דער גרעסטער בעל־גאוה
איז דער איינער:
וואָס גיט אונז שטענדיג אָנצוהערן,
אַז נאָך אַזאַ עניו ווי ער,
איז ניטאָ קיינער.

## 164

ווי קען מען זאָגן:
„אַז דער פנים איז אַ מסור,
אָט זעהען דאָך מיידלעך אויס —
אויפן פנים גאַנץ כשר?...

## 165

שטענדיג אַ קריג,
פיהרט דער גוף מיט די נשמה,
און אויף וועלכער זייט עס איז דער ווילן,
דער געווינט די מלחמה.

### 166

ווען אַ מיידל קריטיקירט אַ צווייטע
זי מאַכט איהר אַש און בלאָטע —
האָב מיט די באַליידיקטע חתונה,
דו וועסט קיינמאָל האָבן חרטה.

### 167

געלט האָט די טבע
ווי די אש פון די פרה־אדומה:
זי איז מטהר טמאים,
און מטמא טהורים...

### 168

יעקב אבינו האָט זיך פאַרשקלאַפט
אויף זיעבן יאָהרן,
איז ער באַלד ביי אַלע ווייבער —
אַ צדיק געוואָרן,
און איך דין שוין צוואַנציג,
ביי מיין יאַכנע־דוואָשע,
און זי הערט ניט אויף צו שרייען
אַז איך בין נאָך אַלץ אַ רשע.

(איבערזעצט פון העברעאיש)

## 169

דו קענסט דעם מענטשן אַרויסטרייבן
פון דיין הויז — אַלע מאָל,
פון זיין געדאַנקען —
קיינמאָל.

## 170

אַ יונגער מאַן וויל זיין געטריי זיין פרוי,
נאָר ער קען ניט.
אַן׳אַלטער מאַן קען זיין געטריי זיין פרוי,
נאָר זי — וויל ניט...

## 171

דער קלונג פון אַ מיידלס צובראָכענע האַרץ,
גיט זיי אָנצוהערן:
זיי זאָלן קיינמאָל מיט אַ יונגען־מאַן
מיט פאַרמאַכטע אויגן אַרומשפאַצירן...

172

„ניט דער פּלאַץ באַעהרט דעם מענשן,
נאָר דער מענש באַעהרט דעם פּלאַץ“,
דער כלל זיכער שטימט:
משה־רבנו איז געשטאַנען אויפ'ן באַרג סיני,
איז דער באַרג געוואָרן באַריהמט.

173

אַ מחלוקת צווישן מאַן און ווייב,
לאָזט זיך אַלע מאָל אויס אַזוי:
אַז דעם לעצטן וואָרט
האָט די פרוי.

174

ווען מען וואָלט די ליעבע
קענען אויפוועקן מיט טרעהרן,
וואָלטן די פרויען וויינען — —
קיינמאָל ניט אויפהערן.

## 175

דער בעסטער וואונש פאַר די רשעים
וואָס די האַרץ איז ביי זיי פאַרדאָרבן:
זיי זאָלן אַריינפאַלן אין אַ ליטאַרגישן שלאָף
און זיך אויפכאַפּן אַ מינוט פאַרן שטאַרבן.

## 176

אַ פרוי אַ מרשעת,
וואָס איז ווי דער טייוול שלעכט,
קוים הויבט זי אָן צו וויינען,
מיינט דער מאַן מסתמא איז זי גערעכט.

## 177

ניט דעם, וואָס קלאַפּט זיך אין האַרצן
פאַרגיט גאָט,
נאָר דעם, וואָס די האַרץ קלאַפּט,
פאַרוואָס ער דעם „על־חטא“,
בעגאַנגען האָט.

## 178

ווי אַ גלאָז זיינען פרויען
די מיט מענער פאַרקעהרן,
שטענדיג זיינען זיי אין געפאַהר,
צובראָכן צו ווערן...

## 119

„דאָס לעבן איז אַ ליגן,
דער טויט — אנ'אמת",
דאָרום איז מען פון לעבן אַ פריינט,
און פון טויט — אַ פיינט.

## 180

דער אָפגעגעבּאַרטער אין דער ליעבע,
וואָרענט זיינע ברידער:
לויפט פון אַ פרוי!
אפילו פון אַ דאַמסקען שניידער...

## 181

נאָך פרייהייט שטרעבן הייסט ניט
דו זאָלסט טהאָן באַוואוסט
וואָס דיין האַרץ געלוסט.
פרייהייט מיינט, און דאָס איז איהר ציעל:
דו זאָלסט ניט דאַרפן טהאָן,
וואָס יענער וויל.

## 182

אַ קלוגער, ווערט פּראַקטיש —
פון פיעל דענקען.
און אַ שוטה —
פון פיעל קריינקען.

## 183

„ליעבע, דאָס איז אַסך קליינע נאַרישקייטן"
און חתונה האָבן הייסט:
צוויי האָבן זיך מיט אַמאָל באַטראַכט,
צוזאַמען גענומען אַלע נאַרישקייטן,
און דערפון איין גרויסע נאַרישקייט געמאַכט...

### 184

צופרידענהייט ביי גאָט בעטן,
דאָס האָט קיין זינען,
וויל נאָר צופרידן זיין, קענסטו לייכט דעם פערל,
ביי דיר אין האַרצן געפינען.

### 185

שטויס ניט אָפּ אַ פריינט פון דיר,
אויך צו נאָהנט צו זיך זאָלסטו איהם ניט ציהען,
פון צו גרויסע פריינדשאַפט,
קענסטו זיך אַמאָל אָפּבריהען.

### 186

אַז יענע מיידל איז שעהנער,
קען אַמאָל אַ מיידל זאָגן,
אויף איהר שכל אָבער —
אויף דעם וועט זי קיינמאָל קלאָגן.

## 187

אויב זאָגן ווּעסטו דיין געליעבטע,
אַז אָהן איהר קענסטו ניט לעבן,
מעגסטו שוין זיכער זיין:
אַז מיט איהר, ווּעסטו שוין געוויס ניט לעבן...

## 188

קיין וואונדער פאַרוואָס מענשן זוכן שטענדיג
צוגעהן שפאַצירן מיט אַ גוטן פריינט:
ווייל זיי האָבן מורא צו געהן אַליין
מיט זייער גרעסטן פיינט...

## 189

ווען די ליעבע פאַר דער חתונה,
וואָלט ביים מאַן מיט אַמאָל ניט אָנגעצונדן,
וואָלט היינט זיין האַרץ,
ניט געליטן פון די וואונדן.

190

לויב זיך ניט צופיעל פאַר דעם צווייטן,
דיינע מעלות זאָל קיינער פון דיר הערן.
פון אַפזאָגן גאַנץ־הלל מיט איין אָטהעם,
קען מען לייכט דערשטיקט ווערן.

191

דער אמת איז שווער
ווי אַ שטיין צוטראָגן.
דאַרום וויל קיינער ניט
מיט דעם זיך פּלאָגן.
(איבערזעצט פון מחברות עמנואל הרומי)

192

אַנ׳אָקס זיין פעטס,
און אַ קאַרגער זיין געלט,
ביידע ווען דיר געבן,
ערשט נאָך זייער לעבן.

**193**

די יונגע־לייט וואָס טויפן זיך
אום מיט אַ שיקסע חתונה צו האָבן:
די ווען שטענדיג נאָך אַ אידישע מיידל ביינקען;
מיטן אָנטאָן אַ נייע היטעלע,
קריגט מען נאָך ניט קיין נייע געדאַנקען...

**194**

אַז אַ מאַן היט זיין פרוי אויף יעדן שריט און טריט,
צייגט ניט, אַז זיין ליעבע איז גרויס צו איהר,
נאָר ער פאַרגינט ניט אַז דער ביסן זאָל אָנקומען
צו אַנאַנדער זולל וסובא, אָדער — צו אַ הולטיי אַ גביר.

**195**

עס זיינען דאָ אַסך נאַראָנים אויף דער וועלט,
נאָר יעדער באַזונדער ציילט מיט איין נאַר ווייניגער,
דאַרום דיינקט יעדער איינער,
אַז נאָך אַזאַ חכם ווי ער —
איז ניטאָ קיינער.

**196**

די שוואַכע זייט פון די פרוי,
ווערט מאַנכעס מאָל אַזוי שטאַרק,
אַז דער מאַן בייגט זיך צוזאַמען
און ברעכט דעם קאַרק.

**197**

פאַרוואָס די אמת׳ע צדיקים ווערן אויף די
פליגלען פון מלאכים
צום גן־עדן געטראָגן.
דאָס איז גאַנץ לייכט צו ערקלעהרן:
ווייל די גאַנצע וועג איז איבער די צבוע׳יאַקעס —
פאַרפלייצט פון טרעהרן...

**198**

ווען עס וואָלט די אידן
ניט איינגעפאַלן דער פּלאַן,
צולייען פון די עגיפּטער גאָלד און זילבער,
וואָלט קיין פרוי מיטגעגאַנגען מיט איהר מאַן.

## 199

ניט דוקא פון גרויסע זאַכן ווערט מען גרויס,
עס טרעפט אויך:
אַז פון נידעריגע געשעפטן,
ווערט מען הויך.

## 200

מענער פאַרשטעלן זיך איינמאָל אַ יאָהר,
האָבן מיר אַ יום־טוב פורים.
פרויען פאַרשטעלן זיך אַ גאַנץ יאָהר,
האָבן מיר צרות און יסורים.

## 201

ווען אַ מיידל הייראַט מיט אַנ׳אַלטן בחור,
איז ווי דער כלי־זמר מיטן פידל:
דער כלי־זמר שפּילט,
און דער פידל וויינט,
האָט זיך געריסן אַ סטרונע אין פידל,
איז דער שפּיל פאַרלאָרן פאַר די מיידל...

## 202

ווי אַ האָהן איז דער מאַן,
אויך ווי ער האָט זיינע צרות:
כסדר זוכט ער פאַר די ווייב פרנסה,
און זי שלאָגט מיט איהם כפרות.

## 203

דער וואָס הייראַט אַ מאוסע אַלטע מיידל
נאָר צוליעב איהר געלט,
איז ווי ביים סדר דער „אַפיקומן“,
מען עסט עס מיט געוואַלד
און מען טאָר זיך ניט קרימען...

## 204

ווען דער מענש וואָלט טרעהערן פאַרגיסן
אויף די אַלע ליידן וואָס ער טראָגט
אין זיין אַנגעוועהטיגטער ברוסט,
וואָלט ער שווימען זיך לעהרנען געמוזט.

## 205

אין די צוויי זאַכן שטימט צו די פרוי
אַז דער מאַן איז גערעכט:
אַז זי איז זיין בעסטער העלפט,
און זי געהערט צום שעהנעם געשלעכט.

## 206

„אַז גרויסע מענשן זיינען שטאַרקער פאַרן טויט"
דאָס איז אמת ווי דער טויט,
דער טויט אַליין איז טויט,
און זיי זיינען — אונשטערבליך.

## 207

דעם מאַנס ליעבע,
איז ווי אַ סוכה געגליכן,
אין זיעבען טעג פאַלט עס איין
און בלייבט אַפילו קיין צייכן.

208

געלונגען האָט דאָקטוירים פיעל מאָל,
אַרויס צונעהמען פון האַלז אַ ביין,
נאָך קיינמאָל אָבער —
פון האַרצן אַ שטיין...

209

אַז אַ פרוי ליבט זיך פאַר פרעמדע מענער
אַז זי איז שטאַרק פאַרליעבט אין איהר מאַן,
און איז איהם זייער געטריי,
איז איהר כוונה:
אַז די מענער זאָלן פרובירן זיך איבערצייגן
אויב זי זאָגט ניט קיין ליגן...

(איבערזעצט לויט בראַנדשטעטער)

210

ניט פאַרוואָס ער בעדאַרף שטאַרבן,
פאַרדריסט דעם קראַנקן,
נאָר וואַרום אַלע בלייבן לעבן,
פלאַגן אים זיינע געדאַנקען.

## 211

פאַרהייראַטע מענער,
ווערן אַלט אָהן יאָהרן.
און בחורים מיט מיידלעך:
ווערן פון יאָהרן — אַלט.

## 212

ביי איינעם איז דאָס געלט אַ מיטל,
ביים צווייטן — אַ צוועק.
איינעם מאַכט עס פיין.
דעם צווייטן — אַ שוויין.

## 213

דעם קלונג פון אַ מיידלס צובראָכענע האַרץ,
הערט נאָר גאָט אַליין,
אויף אַזאַ טראַגעדיע,
וויינט אויך אַ שטיין.

214

אַ ליגנער איז פיעל ערגער ווי אַ שטומער:
אַ שאַקל מיט׳ן קאָפּ,
ווייסט מען וואָס דער שטומער מיינט.
ווער קען אָבער אַ ליגנער פאַרשטיין?
זאָגט ער דיר „יאָ״ מיינט ער גאָר ביין״.

215

זאָגט דיר אַן׳אַלטע מיידל:
מיט אַ מאַן וועל איך מיך קיינמאָל בינדן,
מעגסטו איר שוין ריידן אַ שידוך,
אפילו מיט אַ בלינדן...

216

ניט די ווייזערס קענען צייגען
פריה אָדער שפעט.
אום די צייט צו פאַרשטיין,
מוז מען פיעל לערנען אַליין.

## 217

„אַז אין אַ געפּאַר זיינען די פאַרהייראַטע,
מוטהיגער ווי די אונפאַרהייראַטע",
דאָס איז ריכטיג ווי די תורה;
די וואָס טריינקען זיך, האָבן פאַר אַ רעגן ניט מורא...

## 218

אויסצורעכענען אַזאַ לאַנגן על־חטא,
און דערנאָך גאָט בעטן
ער זאָל אויף אַלעס פאַרגעבן,
מוז מען ווירקליך פאַרשטאַכענע אויגן האָבן.

## 219

דער שכל צו די ליעבע,
איז ווי דער שטורם־ווינט צום בוים:
איז דער שטורם קליין,
פאַלן די בלעטער,
און דער בוים בלייבט שטיין.
איז דער שטורם גרויס,
רייסט דעם בוים פון וואָרצל אויס...

## 220

פרום זיין „בין אדם למקום״,
„און פון בין אדם לחברו״,
וויל ער ניט וויסן,
דער האָט די תורה, אין צווייען צוריסן.

## 221

ווען אַ דיינקמאַל וואָלט געקענט
אויך די נשמה פון אַ מענשן צייגן,
וואָלט מען אויף די גרויסע קריג־פיהרער
פון דער וועלט,
קיינמאָל אַ דיינקמאַל געשטעלט...

## 222

זאָגסטו דעם אמת:
אַ וואונד מאַכן ועסטו דיין חבר אין האַרצן,
פערשווייגסטו דעם אמת:
ליידן מוז דיין געוויסן שמערצן.
ליעבערסט לייד דו
און לאָז דעם אמת צורוה.

### 223

חניפה צו אַ פרוי,
איז ווי שטאַרקע וויין:
עס קריכט איהר באַלד
אין קאָפּ אַריין.

### 224

מענשן זיינען,
ווי בלעטער אין ווינטער,
פאַרלירן זיי זייער געלט,
פאַלן זיי אַרונטער.

### 225

אַ יעגער שיסט מיט אַ ביקס,
און טרעפט זעלטן אין ציעל;
אַ פרוי שיסט מיט די אויגן,
און טרעפט אַלע מאָל,
אין פונקט וואו זי וויל.

### 226

דער מזל'דיגער מענש אַז ער פאַלט אַריין
אין אַ קופּע שניי,
שלעפּט אַרויס זיין האַנט,
אַ גאָלדענעם אַרעם־באַנד.
און דער שלים־מזל'דיקער:
פאַרטשעפּעט זיך אָן אַ גראָז,
פאַלט אויפן רוקן,
און צוהאַקט זיך דעם נאָז.

### 227

ווי שטערן זיינען גוטע פריינט,
דו זעהסט זיי ווען ביי דיר איז ליכטיק.
האָט דיין שטערן זיך אויסגעלאָשן,
איז זייער פריינדשאַפט ניט ווערט קיין גראָשן.

### 228

אַ רעטעניס און אַ אמתע גוטע פרוי,
זיינען ווי שוועסטער צוויי,
זעהר שווער איז פאַר אונז,
צו טרעפן זיי...

## 229

ווען געטראָגן וואָלט מען פאַרקעהרט:
גאָלד אין האַרצן
און אַ שטיין אין די ציינער.
וואָלט קיינמאָל פּאַסירט:
אַז איינער זאָל עסן די פלייש
און דער צווייטער — די ביינער.

## 230

דער אַפּטייקער און דער דאָקטאָר,
זיינען ליגנערס אַ פּאָר,
ראש־השנה ווינשן זיי אַלעמען —
אַ געזונטן יאָהר.

## 231

דער שטאַרקער כאַראַקטער,
לייגט זיך אַרויף אויף די צרות,
ביז ער די צרות דערדריקט.
און דער שוואַכער —
ליגט אונטער די צרות,
ביז ער ווערט דערשטיקט.

(איבערזעצט פון יל"ג)

232

צו ווייט און צו הויך
איז פאַר׳ן רשע דער הימעל:
דאַרום איז שווער פאַר איהם
צו הערן גאָט׳עס שטים...

233

מען דאַרף ניט האָבן געלעהרנט אַ סך
אום צו זיין קלוג,
מען דאַרף נאָר האָבן —
שכל גענוג.

234

צו פאַרטרייבן אַ פרוי פון האַרצן,
דאָס קען יעדער איינער.
פון קעשענע אָבער —
דאָס קען קיינער...

### 235

אַ פאַרדאָרבענע האַרץ
און אַ פאַרדאָרבענעם מאָגן,
אויף זייביידן,
וועט דיר דער צונג זאָגן...

### 236

אַז אַ מעהל־בייטלער ראַנגעלט זיך מיט
אַ קוימען־קעהרער,
ווערט דער קוימען־קעהרער ווייס
און דער מעהל־בייטלער — שוואַרץ.
דאָס גלייכן:
ווען אַ אינטעליגענטער מאַן
קריגט זיך מיט אַ גראָביאַן.

### 237

פרויען וואָס ליעבן קאָמפּלימענטן,
זיינען נאָר דאָ אַ פּאָר:
אַ פאַרהייראַטע פרוי און אַ אונפאַרהייראַטע פרוי,
און דאָס איז גאָר...

## 238

אידעאַלן זײַנען די צװעקעס,
דער פרײַדיגער — דער שטײן,
װאָס מען האָט ער קלאַפּט אױף זײ,
אַלץ טיפער קלאַפּט ער זײ אַרײַן.

## 239

„קנאה איז די מוטער פון שנאה"
„קנאה" האָט די „שנאה" געבאָרן.
בײדע צו זאַמען.
דאָס הערץ פאַר'סמ'ן.

## 240

װען פאַרהײראַטע װאָלטן פון קלוגע
זיך לאָזן פיהרן.
װאָלט קנאָל בײ זײ —
אַ גט פאַסירן.

## 241

אויב אין שפּיגל וואָלט מען געקענט
אויך די נשמה זעהן,
וואָלט אין קיין הויז —
אַ שפּיגל געווען...

## 242

געקענט וואָלט יעדער איינער,
אויפן גלייכן וועג געהן
ווען ער וואָלט אַ צווייטן פרעגן
און ניט אויסקלייבן אַליין.

## 243

כבוד און רייכטום
אָהן וויסענשאַפט,
איז ווי אַ שעהנער מויער
ניט פאַרזיכערט פאַר פייער.

## 244

די בעסטע פרוי פאַנגט אָן
פײנט צו האָבן דעם מאַן,
װען אין שטוב —
איז קײן ברויט פאַרהאַן.

## 245

עס איז לײכטער צו פאַרגעבן אַ מענשן,
װאָס האָט דיר שלעכטעס געטהאָן,
װי דעם, װאָס איז ניט דאַנקבאַר,
פאַר די גוטעס, װאָס דו האָסט איהם געטהאָן.

## 246

האַלטן זיך גרויס מיט פרײנט יחסנים,
האָט מיר אַזאַ פּנים:
װי אין אַ בשמים געשעפט שטעהט אײנער
און שרײט אויפן קול:
אַזוי װי ער — שמעקט קײנער.

247

אויף אַ באַריהמערס ווערטער,
האָסטו אַ הויז געבויט,
וואָהן ניט אין איהר
אויב דו האָסט מורא פאַרן טויט.

248

ווען עס וואָלט קיין גט
עקזיסטירט,
וואָלט אַ מאַן חתונה האָבן
קיינמאָל ריזיקירט.

249

דאָס איז זיכער,
דאָס איז ווי די תורה קלאָהר,
ווען די רבנים וואָלטן אויפהערן מיטן גיהנום
צו שטראָפן,
וואָלט יושר און גערעכטיקייט, בלייבן הייגגן
אויף אַ האָר.

250

זיי ניט צו זיס,
מען זאָל דיר ניט צוקייען.
זיי ניט צו ביטער,
מען זאָל דיר ניט אַויסשפּייען.
זיי ניט צו ווייך,
מען זאָל דיר ניט צוקנעטן.
זיי ניט צו האַרט,
מען זאָל דיר ניט צוטרעטן.
זיי ניט צו האַרט
זיי ניט צו ווייך,
זיי גוט צו זיך
און צו דיין חבר אויך.

(איבערזעצט און צוגעגעבן אייגענע
לויט ר׳ יהודה אבן תבון)

אין אָריגינאַל:

אל תהי קשה ותקצץ.
אל תהי מתוק ותמצץ.
אל תהי מר ותמאס.
ואל תהי רך ותדרס.

## 251

„בתך בגרה שחרר עבדך ותן לה״ —
האָסטו אַנ׳ערוואַכסענע טאָכטער,
זאָלסטו זיך ניט שעהמען,
איהר חתונה צו מאַכן,
פאַר אַבי וועמען.

## 252

ווען דער פּאָעט וואָס באַזינגט די ליעבע,
וואָלט געמאַכט ווי דער באַטור־פאַרשער,
אויף זיך זעלבסט די פּראָבע;
וואָלט ער שוין זיין גאַנצן לעבן —
ניט געזונגען איבער די ליעבע...

## 253

אַז גאָט זעהט: עס וועט שווער זיין פון דעם „דבר אחר״
זיין געלט צוצונעהמען.
שיקט ער אַרונטער דעם מלאך־המות אויף דער וועלט,
און נעהמט צו דעם „דבר אחר״ פון דאָס געלט.

**254**

דער רשע עסט ניט צוליעב דעם
ער זאָל דעם הונגער פאַרטרייבן.
נאָר כדי עס זאָל —
פאַר דעם צווייטן ניט בלייבן.

**255**

אַז דער מאַן האָט פאַר קיינעם קיין מורא;
איז אַ צייכן, אַז ער איז מאָראליש ריין.
ווען אַ פרוי האָט פאַר קיינעם קיין מורא;
איז אַ סימן, אַז דער מאָראַל איז ביי איהר קליין...

**256**

ווייניג מענשן פאַרשטייען
וויפיעל מען דאַרף פאַרשטיין,
אום צו פאַרשטיין,
ווי ווייניג מיר פאַרשטייען.

257

אַנ׳איבערגעבעטענער פרייבט
און אַ צושפּאָלטענע וואַזע,
קענסטו שטעלן איבעראַל,
קיינמאָל אָבער אויבענאָן אין זאַל.

258

עס איז קיין וואונדער ווארום פרויען
פליהען אַרום ביי נאַכט,
גאָט האָט דאָך מלאכים
מיט פליגלען געמאַכט...

259

„אַז אַ סוחר ווערט רייך ווען ער געהט באַנקראָט״,
דאָס קען מען גלויבן;
אַ איד ווערט ניט פאַלן כורעים,
ווען ער זאָל ניט זיכער זיין, אַז ער וועט זיך באַלד
אויפהויבן...

## 260

אפילו דער גרעסטער אפיקורס
הויבט נאָך דער חתונה אָן צו גלויבן,
אַז עס איז ריכטיג וואָס מען זאָגט:
עס איז דאָ אַ גיהנום דאָרטן אויבן...

## 261

ליעבע איז אַ קורצע קראַנקהייט
וואָס האַלט ניט אָן קיין יאָהרן,
און דאָך זיינען שוין פיעל פון איהר —
קאַליקעס געוואָרן...

## 262

מאַנכע מענער ליעבן זייערע פרויען:
ניט, ווייל זיי האָבן זייערע פרויען ליעב,
נאָר ווייל זיי ליעבן —
פאַרהייראַטע פרויען...

## 263

דעם דאָקטאָרס פעהלערן,
פאַרדעקט די ערד אויפ׳ן בית־עולם.
און אַ מיידלס פעהלערן —
אַ פאַרליעבטער גולם...

## 264

אַז אַ מיידל ליעבט שטאַרק אַ יונגען־מאַן ;
זי ווערט פאַר איהם די כפרה,
טאָר זי קיינמאָל ניט פאַרגעסן :
אַז פון אַ כפרה איז אַ מצוה צו עסן...

## 265

פרויען זיינען ווי חובות :
לאָזט מען זיך אַריין מיט זיי,
איז שווער זיך אַרויסצודרייען,
ווי פון פעך און קליי.

## 266

פון די דריי זאַלסטו זיך היטן:
אַ פרעמדער וואָס זאָגט דיר עצות,
אַ פרוי וואָס וויל האַלטן די לייצעס,
און אַ פרומער וואָס טראָגט איבערן וועסטל די ציצות...

## 267

ווען אויסשטאַרבן וואָלטן אַלע
פון גרויס ביז קליין;
באַר בלייבן וואָלט דער בעל־גאווה,
וואָלט ער זיך גרויס האַלטן,
אפילו פאַר גאָט אַליין.

## 268

דאָס לעבן איז קורץ,
לאַנג לעבן זאָל ער דערפאַר.
ער שפּאָרט אונז איין,
פיעל קומער און צער.

**269**

קיין וואונדער, פאַרוואָס די רייכע ווילן קיין
רחמנות האָבן
אויף די וואָס שטאַרבן פון הונגער,
זיי האַלטן פון דין:
אַז אַ איד שטאַרבט, איז אַ מצוה איהם צו באַגראָבן.

**270**

„ואהבת לרעך כמוך"
זאָגט אונז אָן דער ליעבער גאָט.
אַ פרומער אָבער אַ גוטן מיטל האָט,
איידער צו ליעבן ווי זיך זיין פרייבט,
האָט ער ליעבערסט זיך זעלבסט פייבט.

**271**

אַ פרוי'ס האַרץ איז ווי אַ געדיכטער וואַלד,
איז איינער דאָרטן פאַרבלאָנדזעט געוואָרן,
קריכט ער אַלץ טיעפער און טיעפער
ביז ער געהט אין גאַנצן פאַרלאָרן...

(איבערזעצט פון עמנואל הרומי)

272

ווען מענשן וואָלטן אַלע ווײַלע
זיך טאַפּן ביי דער נשמה
ווי אין קעשענע זייער געלט,
וואָלט אַ גאַנץ אַנדער פּנים געהאַט אונזער וועלט.

273

זאָג ניט אַ פרוי,
אַז זי איז אַמאָל געווען שיין,
דאָס איז דיזעלבע:
ווי דו פאַרהייליגסט אַ מצבה פון אַ פריינט,
וואָס ליגט בעהאַלטן אונטער אַ שטיין.

274

דער וואָס האָט אַ פרוי
נאָר צוליעב איהר שעהנקייט גענומען,
איז ווי דער;
וואָס קויפט אַ פעלד נאָר צוליעב די בלומען.

### 275

„ליעבע, דאָס איז דער לייטער
אויף וואָס געליעבטע געהען
און שטעלן זיך ביט אָפּ.״
מאַנכע שטייגן ביזן הימעל,
און מאַנכע ברעכן דעם קאָפּ...

### 276

אויב דער מענש איז פון גאָט געשאַפן:
איז ער צו שלעכט פון זיין האַנד אַרויס.
און אויב ער איז פון צופאַל געשאַפן:
איז ער פון צופאַל געשאַפן:

(לוים דאַרווין)

### 277

צו געהן אין קריג און צו געהן הייראַטן,
זאָלסטו קיינעם קיין עצה געבן.
איןביידע פאַלן שטעלן זיי —
אין סכנה זייער לעבן.

## 278

דו באַריהמסט זיך פאַר אַ צװײיטן,
דו דערצעהלסט איהם דײַנע מעלות,
האָסטו צוליעב דעם אײנציגן חסרון,
אַלע דײַנע מעלות פאַרלאָרן.

## 279

װידערשפּרעך ניט אַ ליגנער,
אױך איהם ניט אונטערברעכן.
לאָז איהם רײדן,
װעט ער זיך זעלבסט װידערשפּרעכן.

## 280

האָט דיר אַ קױל פון ביקס געטראָפן,
קען אַ דאָקטאָר דײַן װאונד הײלן פּרובירן.
האָט דיר די אױג פון אַ פרױ געטראָפן,
מוז זי זעלבסט דיר קורירן...

281

„איזה עשיר השמח בחלקו".
גליק איז ניט דאָס גליק
אום גליק צו האָבן,
נאָר אום גליקליך צו זיין.
און גליקליך איז ניט דער,
וואָס האָט וואָס ער וויל,
נאָר דער וועלכער וויל ניט וואָס ער האָט ניט.
און אויב דו וועסט ניט פערלאַנגן,
וואָס דו קענסט ניט דערלאַנגן,
וועסטו פאַרשפּאָרן זיך צו וואַרפן
אויף אַלע זייטן
נאָך צו טהאָן לייטן.

282

געה ניט צו דיין חבר
ווען ער בעט דיר קומען צו איהם אָפט.
ער וויל דו זאָלסט זיין פרוי'ס פריידשאַפט קויפן
טאָמער וועט זי מיט דיר אַנטלויפן...

283

וואָס דער צווייטער טראַכט אין האַרצן,
אויב מען וואָלט עס געקענט זעהן.
וואָלט די גאַנצע וועלט —
שונאים געווען.

(איבערזעצט פון „מאור עינים")

284

די וואָס זאָגן:
„אַז פון אַ חזיר׳שן אויער האָט מען נאָך קיינמאָל
אַ זיידענע קלייד אויפגעבייט",
די וויסן ניט, וואָס דער צוואַנציגסטער יאָהר־הונדערט
באַדייט...

285

ווען מען וואָלט געוואוסט
ווי אַלט די ערד איז:
וואָלט די ערד ניט געווען ווייבליך
נאָר מענליך...

## 286

„צדיק ורע לו״.
אָט די ווײלע וואָס מען הערט צו אין הימעל,
דעם לויב־געזאַנג פון רשע צו גאָט
וואָס ער האָט איהם באַגליקט וואו ער האָט זיך
געקעהרט.
ווערט דערווײלע —
דעם צדיק׳ס תפלה פארהערט.

## 287

אין אַ פאַמיליע־לעבן, זאָלסטו קײנמאָל זיך ניט מישן.
מאַכן וועסטו נאָך גרעסער די לײדן.
וואו עס שטעהען צווײ און עס מישט זיך אַרײן
אַ דריטער,
ווערט עס אַ פײג,
און באַלײדיגסט זײ בײדן...

## 288

אויב דײן פרוי געהט אַרום פאַרטראַכט
און זעהט שלעכט אויס,
גיב אַ קוק אין שראַנק,
אויב איהרע קלײדער
זײנען פון דער מאָדע ניט אַרויס.

## 289

אַמאָל אַז אידן האָבן אַריינגעוואָרפן
אַ שטיק גאָלד אין פייער אריין,
איז ארויסגעשפרונגען אַ קאַלב
און געוואָרן אַ גאָט אויף דער ערד.
היינט אַז אַ מחותן וואַרפט אריין אַ שטיק גאָלד,
שפרינגט ארויס — אַנ'אָקס אַ פערד...

## 290

גענוג שלעכט איז דער קאַרגער,
גענוג איז דעם פּראָצענטניקס האַרץ רוי.
נאָך ערגער איז דער —
וואָס איז אייפערזיכטיג אויף אַ אונשולדיגע פרוי.

## 291

ווען גאָט וואָלט זיך געלעהרענט אויף אדם'ען
צו מאַכן אַ ריכטיגן מענשן ווי עס דאַרף צו זיין.
וואָלט פון דעם ריפּ וואָס ער האָט פון איהם אַרויס
גענומען —
קיינמאָל אַ פרוי אַרויסגעקומען...

### 292

דער אָבשייד צו די ליעבע,
איז ווי דער פייער צום ווינט.
עס לעשט זיך אויס,
שטיל און געשוויגט.

### 293

וואַרף איין דאָס הויז
וואָס איז שלעכט געבויט;
פאַר א געפעהרליכן קראַנקען,
איז בעסער דער טויט.

### 294

שוואַכע מענער,
קענען ביים שוואַכן געשלעכט,
אויך ליעבע געווינען,
אויב זיי קענען נאָר אַ סך געלט פאַרדינען.

## 295

אַז אַ טויב פֿאַלט פֿון דאַך,
הויבט זי זיך אויף און פֿליהט ווייטער
זוכען איהר ברויט.
אַנ׳אָדלער אָבער אַז ער פֿאַלט,
פֿאַלט ער פֿון די שטערן און בלייבט ליגן טויט...

(איבערזעצט פון מהרש אלגזי אין זיין ספר „אהבת עולם")

## 296

וואָס קלאָגסטו אַז די מענשן זיינען באַטריגער;
וואָס זוכסטו ביי פרעמדע חטאים?
אַז דו אַליין באַטריגסט זיך זעלבסט,
מעהר ווי 88 רמאים.

## 297

ווען אַ מאַן וויל צו אַ צווייטן געהן
אַנ׳עצה פרעגן,
טראַכט ער: וואָס זאָל איך ריידן?
און אַ פרוי —: וואָס זאָל איך מיך אָנקליידן?

## 298

עס איז לייכטער צו פאַרגעבן אַ נאַר
וואָס וואַרפט אויף דיר שטיינער,
ווי דעם וואָס האָט זיך איינגערעדט:
אַז נאָך אַזאַ חכם ווי ער איז ביטאָ קיינער.

(איבערזעצט פון „אוצר נחמד")

## 299

אַלע טרינקען פון ביטערן לעבנס־טראָפּן:
איינער טרינקט ביסלעכווייז אויס,
און דער צווייטער —
מיט אַמאָל דעם גאַנצן כוס.

(איבערזעצט פון „שער הבחינה")

## 300

דער וואָס זאָגט דיר.
עס גיט פיעל ערגערע מענשן פאַר איהם,
הייסט — ער וואַשט זיין געזיכט
מיט וואַסער וואָס איז מיט בלאָטע געדיכט...

## 301

עס איז קײן װאונדער פאַרװאָס מענער
פאַריכטן אַזױ אָפט זײערע שיך.
אַז מען לױפט נאָך טאָג און נאַכט נאָך פרױען,
צורײסט מען גיך.

## 302

אױב נאָך תּחית־המתים פאַרבאָטן װאָלט דאַן װערן,
זיך פודערן און פאַרבן.
װאָלטן אַלע פרױען בעטן בײַ גאָט —
זײ זאָלן צוריק שטאַרבן...

## 303

אַ פראַצענטניק אַ פרומער, היט —
אַלע געזעצן פון דער תּורה,
נאָר פון עסן „אבר מן החי״,
פאַרדעם האָט ער קײן מורא.

## 304

אַלע זיינען געקומען איהם מנחם־אבל זיין,
אַזוי דער אבל זיכער מיינט.
אין דער אמתן אָבער —
יעדער איינער טיעף אין האַרצן, אויף זיינע אייגענע
צרות וויינט.

(איבערזעצט פון „מחברות עמנואל" פ"ז)

## 305

די ליעבע איז אַ מכשפה,
טיעף אין האַרצן זי ליגט פאַרשטעקט.
וואָלטן די פאַרהייראַטע, איהר פאַנגן געקענט,
וואָלטן זיי איהר שוין לאַנג אין פייער פאַרברענט...

## 306

די האַנדשריפט פון דער צייט,
דאָס זיינען די קנייטשן פון פנים,
די ווייסע האָר —
עדות און סימנים.
פרובירסטו איבער דעם
ריידן מיט אַ פרוי,
זאָגן וועט זי דיר: עס איז ניט אַזוי.

### 307

פּרוביר דיין האַנט
אַ פּראָצענטניקס האַרץ אָנרירן,
וועסטו באַלד,
דיינע פינגער אָבפריהרן...

### 308

דאָס רוב יונגע־לייט
ווילן דאָס ניט פאַרשטיין:
דער וואָס כאַפּט זיך שטאַרק אַרום אַ מיידלס האַלז
דער ווערט דערשטיקט אַליין...

### 309

גיס ניט אויס אויפ'ן מענשן דיין צאָרן,
פאַר וואָס ער איז מיט פעהלערן געבאָרן:
דער פעדער שפּריצט טינט ביטער ווי גאַל,
דאָך ווערט זי געאַכטעט איבעראַל.
אַ מענש מיט פעהלערן,
איז איינס פון די צוויי:
אָדער אַ בהמה אַ פערד,
אָדער — אַ מלאך אויף דער ערד.

## 310

אויב אַ פרוי זאָגט:
מיין מאַן מעג אויף פרעמדע פרויען קוקען,
האָט זי זיכער אַ געליבטען,
הינטער זיין רוקן.

## 311

אַ חיה דערקענט מען אָן פעל.
געלט — אָן קלונג,
און אַ מענשן ——
אָן צונג....

## 312

אוי, ווי שווער איז דער קדושין־רינג
שטענדיג מענער קלאָגן.
און אַ פרוי —
אַז זי דאַרף אַן'אַלטמאָדישע קלייד טראָגן.

313

די פרומע וואָס גלויבן אין „בין אדם למקום"
און פון „בין אדם לחברו" ווילן זיי ניט וויסן,
די האָבן די תורה,
אין צווייען צוריסן.

314

די פרוי וואָס וויל האַלטן דעם מאַן
פעסט געבונדן צו זיך,
קען זיין 99 פראָצענט זיכער,
אַז זי וועט איהם פאַרלירן גיך.

315

איינער דעם בוים שאָקעלט
און קלאַפּט.
און דער צווייטער —
דעם עפּעל כאַפּט.

## 316

דער שטיין וואָס ליגט דיר אין וועג,
אויב אַוועקשטופּן מיט כּח,
ווערסטו ווערן פּרוביק,
ווערסטו ניט מער, ווי דיין געזונט פאַרלירן.
זיי ניט דום,
גייה בעסער אַרום.

## 317

זייט פרויען האָבן זייערע גאָלד
צום עגל אַוועק געגעבן.
איז ציערונג געוואָרן זייער גאָט,
און קענען אָהן דעם ניט לעבן.

## 318

עס איז קיין וואונדער פאַרוואָס מען קריגט קאָפּ־ווייטיק
ווען מען טרינקט אַ גלאָז פּראָסטע וויין אויס.
די גמרא זאָגט:
„הדיוט קופץ בראש".

**319**

אַ רייכער לעבט לייכט,
און פאָהרט שווער (מיט אַ סך באַגאַזש)
אַנ׳אָרעמאַן לעבט שווער,
און פאָהרט לייכט.

**320**

ווען אַ פרוי וואָלט אפילו
פון גלאָז געווען,
וואָלט אויך דער מאַן ניט געקענט
איהר נשמה זעהן...

**321**

פון יאָגן זיך שטענדיג נאָך גליק
אַנטלויפט די צופרידענהייט אַזוי ווייט —
אַז מען קען איהר שוין ניט כאַפּן צוריק.

**322**

אויב נאָר פון קושן
איז געוואָרן די קדושין,
קענסטו זיך וועטן,
אַז זיי וועלן זיך באַלד גטן.

**323**

אַ סך טיעפער קען מאַכן דער פעדער
אַ וואונד אין יענעמס נשמה,
ווי דער מסור מיט זיין צונג,
ווען ער נעהמט פון איינעם נקמה.

**324**

קליין איז די אויג פון די פרוי,
ווי מעכטיג אָבער איז אין איהר די גבורה
פון איין קוק איהרער אַ טיעפן,
ווערט דעם מאַנס האַרץ געגריפן.

325

דאָס האַרץ מיט'ן שכל,
פיהרן כסדר אַ מלחמה.
און שטענדיג נעהמט דער שכל.
פון דאָס האַרץ נקמה.

326

די וואָס זיינען אָהן מזל געבוירן:
ביי זיי איז דאָס לעבן פול מיט פארדרוס,
פאַלן זיי אריין אין אַ שמאַלץ־גרוב,
ליבקן זיי זיך אויס אַ פוס.

327

אַ שעהנע וועלט האָט גאָט געשאַפן,
אַזאַ יאָהר אויף מיר.
נאָר וואָס מען האָט געמאַכט פון איהר פנים,
אַזאַ יאָהר אויף מיינע שונאים.

## 328

אַז די ליעבע איז הייס,
קאָנען אפילו אויף אַ שאַרף פון אַ מעסער
וואוינען צוויי.
איז די ליעבע אויס געוועבט,
ווערט אפילו אַ בעט פון זעכציג איילן
ניט קלעקן פאר זיי...

(איבערזעצט לויט'ן „תלמוד")

## 329

זאָלן די שטאַרקע ניט פאַרגעסן:
אַז אַ לייב קען דערשטיקט ווערן
פון אַ בייזדל,
און אַ גבור ווי גליות־הפלשתי,
איז געפאַלן טויט פון אַ קליין שטיינדל...

## 330

אַלטע פרויען וואָס געהן שוין אָנגעשפּאַרט
אויף אַ שטעקן,
פּרובירן אויך זייערע יאָהרן
מיט פודער צו באַדעקן.

### 331

דער בלאַסער פּנים פון אַ קאַרגן,
ווען ער ליגט אויף זיין טויטן־בעט,
איז ניט דער שרעק פאַר יענער וועלט,
נאָר אויב די יורשים וועלן קענען
אָפּהיטן זיין געלט.

### 332

אַז די גרויסע קריגס־פיהרער זיינען אין די היסטאָריע
אַלס גרויסע העלדן באַוואוסט,
טאָ פאַרוואס בלייבן די פאַרהייראַטע פרויען
אין דער היסטאָריע אונבאַוואוסט?

### 333

דער מענש דאַרף ניט זאָרגן
דאָס וואָס ער האָט אָנגעוואָרן.
נאָר דאָס וואָס עס איז איהם געבליבן,
דאָס זאָל ניט געהן פאַרלאָרן.

### 334

מיט די צוויי ווערטער
„הבל הבלים״
האָט קהלת די גאַנצע וועלט פאַרניינט.
אַ וואונדער, אויב ער האָט זיך אויך געמיינט...

### 335

וואָס פרויען באַפּוצן זייערע היט מיט גראָז,
איז ניט די הוט זאָל זיין שעהן.
נאָר זיי ווילן —
אַז די „אָקסן״ זאָלן זיי נאָכגעהן...

### 336

„חלום״ — דאָס איז די פאַנטאַזיע
פון אַ שלאָפנדן מענשן.
„פאַנטאַזיע״ — דאָס איז דער חלום,
פון אַנ׳אויפגעוואכטן מענשן.
דער ערשטער כאַפּט זיך אויף באַלד אין בעט,
און דער צווייטער ——
אַז עס איז שוין צו שפּעט.

**337**

די ליעבע פון אַ נאַר וועט דיר אָנמאַכן
מעהר צרות און פיין.
ווי די שנאה פון אַ קלוגן,
ווי גרויס זי זאָל ניט זיין.

**338**

ווילסטו אַז די מיידל זאָל איבערצייגט זיין
אין דיין אויפריכטיגע ליעבע צו איהר:
זאָל זי טיעף אין דיין האַרץ
זעהן דעם צייכן;
מיטן שטעלן זיך אויף די שפּיץ־פינגער,
קען מען נאָך דעם הימל ניט דערגרייכן...

**339**

דער צוועק פון דער תורה:
פאר אַנ׳עהרליכן, מאָראַלישער צו ווערן.
און פאַר אַ גנב —
פאַלש צו איהר שווערן.

## 340

אַ פרוי איז געשאַפן
פון אַ קרומען ביין,
און גלייך מאַכן איהר,
קען ניט גאָט אַליין.
פּרובירסטו דאָס בויגן,
צוברעכן וועסטו איהר אימער,
לאָזטו דאָס איבער —
ווערט דאָס נאָך קרימער...

(איבערזעצט פון אברהם אבן עזרא)

## 341

אַז אַ מיידל האָט חתונה צוליעב געלט,
איז אַ סימן: אַז געליטן האָט זי גרויסע צרות.
און אַז אַ בחור האָט חתונה צוליעב געלט,
איז אַ סימן: אַז ער אַליין טויג נעבאך
אויף צעהן כפּרות...

## 342

ביי אַ גוטן איז די גרעסטע שמחה
אַז מענשן קענען פאַרגעניגען געניסן,
אוןביים רשע —
אַז אין פידל ווערט אַ סטרונע צוריסן.

### 343

אויב אַ באָרד און אַ בויך,
זיינען עדות די בעסטע,
אַז זיי זיינען די לומדים
און חכמים די גרעסטע.
איז קיין גרעסערע חכמים
אויף דער וועלט פאַרהאַן
ווי די צוויי בהמות —
אַ באָק און אַ באַראַן.

(איבערזעצט פון אברהם אבן עזרא)

### 344

מאַנכע מענשן ליעבן אַלעס צו הערן;
קיין שטים געהט ניט ביי זיי פאַרלאָרן,
נאָר דער שטים פון געוויסן,
דאָס ווילן זיי ניט הערן.

### 345

זאָל דיר דער כלל זיין גוט באַקאַנט:
אַז אַ פרוי איז קיין פידל,
נאָכן שפילן קענסטו איהר
אויפהיינגען אויפ'ן וואַנט...

## 346

ניט ווער עס גערט אין די הייזער,
איז דער גרעסטער אָרעמאַן.
נאָר דער וואָס איז אָרעם אין פאַרשטאַנד,
דער איז דער אָרעמסטער אין לאַנד.

## 347

זאָל דער מאַן די פרוי
שעהנע קליידער געבן,
און זי איהם גוט עסן,
וועט זייער ליעבע —
קיינמאָל זיך אויסלעשן.

## 348

באַרייד ניט פאַר אַ צווייטן דיין פרוי,
מאַך איהר ניט קליין,
פון דעם ברונעם וואָס דו וואַסער טרינקסט,
וואַרף ניט קיין שטיין.

(איבערזעצט לויט'ן „תלמוד")

### 349

אַז אַ מיידל קלאָגט אַ יונגען־מאַן,
ער האָט איהר האַרץ צובראָכן,
מיט אַ דימאַנט־רינג
וועט ער איהר האַרץ צורעכטמאַכן.

### 350

פאַר דער חתונה טראַכט דער מאַן:
ער וועט די פרוי אויף די הענט טראָגן.
און נאָך דער חתונה —
ווי פון איהר זיך אָפּצוטראָגן.

### 351

דער מאַן געהט אין טעאַטער,
זעהן שפּילן דעם אַקטיאָר
איז זיין באַגעהר.
און אַ פרוי —
צו קענען אין לעבן,
שפּילן די ראָלע ווי ער...

## 352

ווייסט איהר וואָרום די וואָס חלום'ן שטענדיג
פון מיידלעך שעהנע און קלוגע
כאַפּן צום סוף אַ לוימענע גולם?
ווייל די גמרא זאָגט:
„אין חלום בלי דברים בטלים".

## 353

דאָס האַרץ איז דער אוצר,
דער צונג — די שליסל
דו זאָלסט קיינעם די שליסל גלויבן.
זיי וועלן דיר דיין אוצר רויבן.

## 354

ווען אַ שטונדע אָפּגעשטאָרבן
וואָלט דער זייגער קלינגען.
וואָלט קיין מענש זוכן,
די צייט צו פאַרברייגגן.

### 355

פאַרוואָס אַלע זוכן חתונה צו האָבן
נאָר מיט שעהנע פרויען
און פון אַנדערע מעלות ווילן זיי גאָר ניט וויסן,
דאָס איז לייכט צו ערקלעהרן:
מיט אַ שעהנער פרוי האָט ער אַ האָפּענונג
אַז עס קען ווער מיט איהר אַנטלויפן
און וועט נאָך אַמאָל פון איהר פּטור ווערן.

### 356

ווען מען וואָלט מיט וואַסער
וועלן ריין מאַכן די הערצער
וואָס זיינען פאַרדאָרבן,
וואָלט די וועלט פון דורשט געשטאָרבן.

### 357

קלאָג ניט אַז ביי דיר איז פינסטער,
און ביי דעם צווייטן איז ליכטיק,
וואָס קענסטו וויסן וואָס די ליכטיקייט באַדייט,
פיללייכט ברענט דאָרט אַ ליכט פון אַ יאָהרצייט.

## 358

אַ גוטע עצה:
ווען מיידלעך ווילן שיקן אַ שדכן צו אַ יונגען־מאַן,
זאָלן זיי אויסקלייבן אַ פורמאַן
וואָס זאָל שפּילן דעם שדכנ׳ס ראָלע.
קיינער פאַרשטעהט ניט אָנצוטאָן אַ פערד דעם כאָמעט
אַזוי גוט ווי אַ בעל־עגלה...

## 359

עס איז פיעל לייכטער צו לעשן אַ פייער,
וואָס האָט אַ הויז אַרומגענומען,
ווי דער צאָרן פון אַ שונא,
וואָס איז פון קנאה געקומען.

## 360

פאַראַכט ניט די מיידל וואָס איז ארונטער
פון גלייכן וועג.
רייד ניט אויף איהר קיין שלעכט וואָרט;
אַ שטיין בלאָנדזשעט ניט —
ווייל דאָס ליעגט שטענדיג אויף איין אָרט...

## 361

ווי גוט עס וואָלט געווען,
אַ מיאוסע מיידל טראַכט:
ווען עס וואָלט קיינמאָל זיך ענדיגן,
די פינסטערע נאַכט...

## 362

דער וואָס זאָגט ער קען דאָס לעבן
מיט אַלע איהרע מעלות און חסרונות.
איז גאָר קיין שאלה
אַז ביי איהם איז די אויגן קאַליע.

## 363

אַ פרוי ליעבט איהר מאַן ווי אַ בעל־עגלה זיין פערד
און ווי אַ קאָלאָניסט זיינע אָקסן.
און אַ מאַן ליעבט זיין פרוי —
ווי אַ טעלער מילכיקע לאָקשן...

**364**

אַלע קלאָגן:
אַ מיאוסע מיידל —
פאַר וואָס זי איז ניט שעהן.
אַן׳אלמנה —
פאַרוואָס זי דאַרף פינסטערן אַליין.
אַן׳איידעם —
וואָס די שוויגער שטעהט איהם אין האַלז ווי אַ ביין.
אַן׳אַלטע מיידל —
פאַר וואָס קיינער וויל ניט מיט איהר אויסגעהן.
אַ אידעאַליסט —
פאַרוואָס מענשן ווילן איהם ניט פארשטיין.
אַ פרוי —
פאַרוואָס איהרע ברילאַנטן זייגען קליין,
קיינער אָבער קלאָגט ניט,
אַז שווער איז איהם צו טראָגן
אין האַרצן דעם שטיין.

**365**

ווען אַ פרוי וואָלט אַ בייטש געהאַט
און אויך געקענט דענקען,
וואָלט זי קיינמאָל ניט ערלויבט,
אַז אָקסן זאָלן פון איהר טרינקען...

366

אַ גוטער פריינט איז ווי אַ זיידענע קלייד;
נוצטו איהם ווייניג,
האַלט דאָס לאַנג.
נוצטו איהם כסדר פאַר זיך,
צורייסטו דאָס גיך.

367

אַ סך יונגע־לייט
זיינען פאַראַן.
וואָס די מיידל איז ביי זיי ניט מעהר
ווי אַ צוגאָב צו די נדן...

368

ווען דער נאַר וואָלט האָבן שכל
וויפיעל דעם קלוגן פעלט.
וואָלט ער זיין,
דער קליגסטער אויף דער וועלט.

## 369

„דאָס העכסטע ציעל אין לעבן,
איז דאָס לעבן אַליין".
ליידער, לויפן מענשן פאַרביי דעם ציעל,
און ווילן דאָס ניט פאַרשטיין.

## 370

אַז אַ מאַן און אַ ווייב
זיינען איין לייב"
דאָס קען איך ניט גלויבן.
איהר זעהט דאָך אַלע ווי איך;
ווען עס בייסט דער קראַצט זיך...

## 371

קענסטו ניט פאַרשטיין וואָרום יענער איז שלעכט,
און דאָך פרום?
ער האָט זיין האַרץ גאָט אַוועקגעגעבן.
איז ער אַליין אָהן אַ האַרץ געבליבן...

## 372

די וועלט זאָגט:
„בעסער אַ שאַנדע אין פּנים
איידער אַ קריינק אין בויך“.
און אַנ׳אַלטע מיידל זאָגט:
איהר זייט נאַראָנים!
עס איז בעסער אַ וועהטאָג אין בויך,
איידער אַ שאַנדע אין פּנים...

## 373

ווען אַ מאַן זאָגט צו זיין פרוי:
פאַר דיר מיין לעבן איך גיב.
ווייס, אַז דאָס לעבן איז איהם איבערדריסיג,
דאַרום געוואָרן איז ער אַזוי ליעב.

## 374

רחמנות און יושר,
האָבן די אָרעמע אויסגעטראַכט.
דאַריבער זיינען זיי ביי די רייכע,
אַזוי פאַראַכט.

### 375

די פּאָעטן וואָס באַזינגען די ליעבע,
און איבער איהר ביכער דרוקן,
ווי קענען זיי נאָכהער דעם לעזער —
אין די אויגן קוקן?...

### 376

דער שכל זוכט שטענדיג חשבונות,
דאָס האַרץ — וואָס מעהר צו געניסן.
דארום וויל די ליעבע,
פון שכל ניט וויסן.

### 377

ווען דו ליובסט אַ מענשן:
ער האָט קיינמאָל ניט גע׳גנב׳עט,
קיינמאָל ניט גע׳גזל׳ט,
קיינמאָל ניט הויכע פּראָצענט געריסן,
איז די זעלבע ווי דו זאָלסט לויבן אַ פערד,
אַז ער האָט אַ ריינעם געוויסן.
זאָג מיר ניט, וואָס ער איז — ניט,
זאָג מיר, וואָס ער איז — יאָ,
ניט — איז קיין מעלה ניט...

## 378

דער וואָס וויל ראַכע נעהמען
און שוואַך איז זיין האַנט,
דער קלאפט זיך זעלבסט,
דער קאָפּ אָן וואַנט.

(דוגמה — האומה העברית)

## 379

דרעהט זיך די ערד אַרום די זון,
בלייבט די זון קלאָר,
ווי געשאַפן האָט איהר גאָט.
דרעהט זיך אַ מיידל אַרום א זוהן,
ווערט ער משוגע און געהט אויך באַנקראָט.

## 380

אַז אַ שלעכטע פרוי איז שלעכט פאַר'ן מאַן,
לייקענען קען דאָס קיינער.
נאָך ערגער איז:
אַ גוטע פרוי פאַר אַלע מענער...

## 381

זעהסטו דעם נאַרן פון אויסן.
גאָרניט זאָגן ועט דיר זיין געזיכט.
קוקסטו אָבער טיעף אינעווייניג אַריין,
זעהסטו, אַז דאָס איז ניט קיין אָנגעצונדענע ליכט.

## 382

פון חתונה האָבן מיט אַ יונגע מיידל,
דאַרף אַנ׳אַלטער מאַן זיך היטן;
אַנ׳אויסגעטריקענטער ברונעם,
ווילן אַלע פאַרשיטן...

## 383

ווען מען וואָלט אָנשטאָדט
אשמנו, בגדנו, גזלנו,
באַדאַרפט זאָגן:
אשמתי, בגדתי, גזלתי —:
איך האָב גע׳גזל׳ט, איך האָב געראויבט,
איך האָב אלמנות און יתומים געדריקט.
וואָלט מען דעם אשמתי, בגדתי, גזלתי,
פון מחזור אַרויסגעפליקט.

384

„מיטלייד איז דער פאַרגעפּיהל פון אונגליק
וואָס איהם אַליין קען דאָס אויך טרעפן."
און ביי די וואָס דער פאַרגעפּיהל פעלט,
ביי זיי — איז גאָט זייער געלט...

385

די ליעבע איז ווי אַ גומע־זעקעלע;
דאָס ציהט זיך,
און פּלאַצט גיך...

386

ווען מען וואָלט געקענט מיט אַ שליסעל,
עפענען אַ מענשענס האַרץ
און זעהן וואָס ער איבער דעם צווייטן טראַכט;
וואָלט קיינער אַזאַ שליסעל געמאַכט.

(איבערזעצט פון „משלי שועלים")

### 387

ווען מען וואָלט געקענט חתונה האָבן אויף אַ פּראָבע
רעליגיאָן און רעגירונג זאָל ניט שטעהן אין וועג,
וואָלט אַ פאַמיליע־לעבן אָנגעהאַלטן העכסטענס —
אַנדערהאַלבן טעג...

### 388

ווען אַ בלום הויבט אָן וועלקן,
פאַלט זי אַרונטער און שטאַרבט פאַר אונז אָפּ.
און אַ פרוי פאַרקעהרט —
ווען זי הויבט אָן בליהען,
נעהמט זי פאַלן און פאַלט בארג אַראָפּ...

### 389

„פרעג ניט דעם רופא, פרעג דעם חולה".
דאָס האָט קיין זינען.
אַ מענש וועט דאָך אויף זיך,
קיין פעהלער געפינען.

### 390

אַ שוטה, אַ לוימענער גולם,
העלפט ניט זיין יחוס אויפ׳ן בית־עלם;
אַ גאָלדענער ראַם קען קיינמאָל פאַרדעקן,
אין אַ בילד די פלעקן.

### 391

פאַלן אין אַ גרוב און אַרויסקומען גאַנץ,
דאָס האָט אַ סך מאָל פּאַסירט.
קיינמאָל אָבער —
מען זאָל פאַלן אין „אַ חן־גריבל״,
און ניט ווערן רואינירט...

### 392

מענשן האָבן שוין געפונען גאָלד, זילבער,
ראַדיום און ברילאַנטן־שטיינער.
אָבער די שליסן ווי צו עפענען דעם קאַרגענס האַרץ —
דאָס האָט נאָך ניט געפונען קיינער.

393

צום אויסגליטשן
און צו פאַלן אין לעבן:
דאַרף די מיידל ניט האָבן אַ שטיין.
און עס דאַרף אויך ניט ווינטער זיין...

394

אַ העלפט יאָרן קומט אָפּ דער מענש,
אין זוכן די אמת׳ע ליעבע.
און די צווייטע העלפט — אין קלאָגן,
אַז ער קען די ליעבע ניט פאַרטראָגן...

395

ווען עס וואָלט געווען פאַרקעהרט:
אַ שכור׳ן פריי לאָזן,
און אַ פאַרליעבטן אַרעסטירן.
וואָלט קיינמאָל אַזוי פיעל אונגליקן פּאַסירן...

### 396

די ישיבה־בחורים וואָס פאַרלאַנגען פון די מיידלס
פאָטער קעסט:
טהוען דאָס ניט מחמת דער געפיהל אין האַרצן
איז ביי זיי טויט.
נאָר ווייל זיי זיינען איינגעוואָהנט צו עסן
אַלץ מיט ברויט...

### 397

אַ מיידל איז ווי אַנ׳עפּל.
קוים איז דאָס איינגעביסן,
ווייל שוין קיינער,
פון דעם עפּל געניסן...

### 398

אַז אַ מאַן געהט אַרונטער פון גלייכן וועג,
מיידן אַלע פרויען אויס
צו שטעהן נעבן איהם נאָהנט.
און אַז אַ פרוי געהט פון גלייכן וועג אַרונטער,
פרעגן אַלע מענער, וואו זי וואוינט...

## 399

אַ קאַרגן וועסטו אימער זעהן,
אונטער שאָטן שפּאַצירן.
ער שרעקט זיך אַז די זון זאָל חלילה,
זיין קאַלטע האַרץ ניט באַריהרן.

## 400

אַז אַ יונגע מיידל הייראַט מיט אַן׳אַלטן מאַן,
איז ביי איהר דאָס לעבן אַזוי:
ביי נאַכט — אַן׳אַלמנה,
און ביי טאָג — אַ פאַרהייראַטע פרוי...

## 401

די אורזאַכע פאַרוואָס מענער ווילן חתונה האָבן
מיט געבילדעטע פרויען.
איז דאָס:
טאָמער וויל ער נאָך דער חתונה איהר קליין מאַכן,
זאָל ער האָבן פון וואָס.

402

„גם אויל מחריש חכם יחשב״
אויב שלמה־המלך האָט רעכט,
אַז פון שווייגן ווערט אויך קלוג אַ דומער,
איז קיין גרעסערער חכם ניט פאַרהאַן,
ווי אַן׳אָקס און אַ געבוירענער שטומער...

403

פאַר דער חתונה זאָגט ער:
איך ליעב דיר מיין טייערע,
איינשלינגען וועלן וואָלט איך דיר.
און נאָך דער חתונה קלאָגט ער:
פאַרוואָס איינגעשלונגען האָט ער ניט איהר...

404

פאר וואָס יונגע־לייט ווילן ניט חתונה האָבן
מיט מיידלעך פון הויכן יחוס,
דאָס איז ביי זיי אַן׳אויסגערעכענטער פלאַן:
זיי ווייסן, אַז מען איז מקדש די לבנה,
קריגט מען ניט קיין נדן.

**405**

דער גוטער בעט ביי גאָט:
גליק אין לעבן.
און דער רשע —
ער זאָל פון יענעם צונעהמען
און איהם אַוועקגעבן.

**406**

שמח בחור בילדותיך —
אַ יונגער־מאַן זאָל שטענדיג פריילוך זיין;
אַזוי האָט קהלת געהייסן.
דאַריבער האָבן טאַקי די בחורים ניט חתונה,
ווייל זיי ווילן די שמחה ניט איבעררייסן...

**407**

ניט פאַר איהר שטאַרקייט,
האָט דער מאַן פאַר די פרוי מורא,
נאָר פאַר איהר שוואַכקייט. —
אין דעם ליגט איהר גבורה.

## 408

אַ לאָטעריע־צעטל און אַנ׳איידעם;
ביידן קויפט מען בלינד.
איז דער מזל הויך,
האָט מען אַנ׳איידעם און אַ זוהן אויך.
איז דער מזל אַ שלעכטער,
כאַפּט ער אַ שד און פאַרלירט נאָך זיין טאָכטער.

## 409

די יונגע־לייט וואָס געהן דעם ערשטן מאָל זיך זעהן
מיט א כלה,
אויב זיי וואָלטן פאַר אַ מבין אַ קצב מיטנעהמען,
וואָלטן זיי קיינמאָל זיך איינהאַנדלן אַ פּרוי אַ דומע,
ווייל אַ קצב איז אַ מבין אויף אַ בהמה...

## 410

אַ מאַן וועט מקנא זיין:
יענעמס פעהיקייטן, יענעמס אַ מעלה.
און אַ מיידל —
אַז איהר חברת׳ע איז געוואָרן אַ כלה.

## 411

„ער האָט זיך גענומען דאָס לעבן
ווייל דאָס לעבן איז איהם איבערדריסיק געוואָרן".
אַזוי אַלע זאָגן:
ניין! ניט דאָס לעבן איז איהם איבערדריסיק געוואָרן,
נאָר „דאָס ניט־לעבן" האָט ער ניט געקענט
מעהר פאַרטראָגן.

## 412

אַז אַ יונג מיידל האָט חתונה מיט אַן־אַלטן מאַן
אויסגעלייזט צו ווערן פון איהר שווערן בויט.
האָט די מיידל צווישן די געסט,
אויך איינגעלאַדן דעם טויט...

## 413

ווען דורך וואַסערטרינקען,
וואָלט די ליעבע אָפּגעקיהלט ווערן,
וואָלטן די פרויען
אַלע ברינעמער צושטערן.

## 414

מאַך זיך ניט פאַר אַ גרויסן חכם,
און אויך ניט פאַר גאַנץ פרום.
מאַך זיך ניט פאַר אַ רשע,
און אויך ניט פאַר גאַנץ דום.
געה אין גלייכן מיטלוועג,
וועסטו קומען צום ברעג.

(איבערזעצט פון „קהלת״)

## 415

דאָס איינצעלנע וואָס דער מאַן איז מקנא די פרוי,
איז נאָר מיט דעם:
וואָס ער האָט חתונה מיט איהר,
און זי מיט איהם...

## 416

„אַ הונט וואָס בילט בייסט ניט״
אַזוי זאָגן אַלע.
נאָר אויב דער הונט ווייסט פון שפּריכוואָרט.
דאָס איז אַ גרויסע שאלה?

## 417

די וועלט זאָגט:
„בעסער מיט אַ קלוגן צו פאַרשפּילן
איידער מיט אַ נאַר צו געווינען"
און אַ בעזדעטניצע (עקרה) זאָגט:
צו מיט אַ קלוגן, צו מיט אַ נאַר —
אַבי צו געווינען...

## 418

„שומר פתאים ה'" —
גאָט היט דעם נאַרן.
דאַריבער זעהן מיר אַזוי אָפט:
אַז אַ שוטה אַ לוימענער גולם האָט אַ פּרוי
מיט אַלע מעלות,
און אַ חכם איז מיט אַ מרשעת געשטראָפט.

## 419

ווען דו זאָלסט דיין צייט פאַרברענגען
זיך זעלבסט צו אַנאַליזירן,
וועסטו קיין צייט האָבן,
דעם צווייטן צו קריטיקירן.

### 420

אַ קאַרגער היט זיין געלט
נאָך מעהר ווי זיין לעבן.
און האָט פון זיי קיין הנאה ניט,
ווי צוצוהאַלטן וואָלט דאָס איהם איינער געגעבן.

### 421

ווילסטו זעהן ווי די נאַטור ענדערט זיך,
טאָ טהו אַזוי:
קוק איינינע מאָל אין טאָג,
אויף אַ היינטיגע מאָדערנע פרוי...

### 422

דער דאָקטאָר זעהט אין מענשן די שוואכקייט.
דער אַדוואָקאַט — די געמיינהייט.
די פרוי — די פרעכהייט.
דער טעאָלאָג — די דומהייט.

423

דער שכל ליגט הויך אין קאָפּ,
אַ סך טרעפּ איז צו געהן ביז מען קען צו איהם קומען;
דאַריבער האָבן מיר אַזוי פיעל נאַראָנים,
ווייל צו קריכן אויף אַזוי פיעל טרעפּ,
זיינען דאָ ווייניג בעלנים.

424

די פרוי וואָס רעגירט איבער איהר מאַן,
וואָס זי זאָגט מוז ער טהאָן.
די איז, ווי אַ הוהן וואָס לייגט אייער,
און קרעהט ווי אַ האָהן...

425

די ליעבע פאַרבינדעט צוויי הערצער,
צוויי הערצער זאָלן זיך פרייהען.
און די אייפערזיכט —
צורייסט זייביידן אין צווייען.

426

„איך האָב פֿיינט דעם חונף“
אַזוי וועלן אייך אַלע זאָגן.
און דאָך האָט נאָך דער חונף,
פֿון קיינעם — אַ פּאַטש געקראָגן.

427

דער מאָגן־קראַנקהייט פֿון די אָרעמעלייט,
וואָלט מען געקענט גאַנץ לייכט קורירן,
ווען די מיליאָנערן,
וואָלטן פֿרעסן אויפֿהערן.

428

יאָגסטו זיך נאָך כּבֿוד,
ווערסטו פֿאַראַכט.
אַנטלויפֿסטו פֿון כּבֿוד,
ווערט דיינע ענווות
פֿאַר גאווה באַטראַכט.
ניט לויף,
ניט אַנטלויף,
וועסטו ווערן ביי אַלעמען געאַכט.

## 429

ווען מען וואָלט געקענט לייענען אויפן שטערן,
די אַלע פאַרברעכענס וואָס דער מענש טהוט אָפּ,
וואָלטן אַ סך מענשן געגאַנגען,
מיט אַרונטער געלאָזענעם קאָפּ.

## 430

„פרויען שטרעבן אימער צו זיין פריי"
דאַריבער איז קיין וואונדער,
וואָס יונגע מיידלעך זיינען צופרידן,
חתונה צו האָבן מיט אַ רייכן אַלטן אידן...

## 431

פון דיינע טרייסט־ווערטער,
און פון דיין שמייכל,
דערפון וועט דעם אָרעמאַן ניט לייכטער ווערן,
פון א ברכה קען קיינמאָל
צאָהן־וועהטיק אויפהערן.

## 432

די פיער, לעבן שטענדיק אין שרעק:
אַ רייכער, וואָס מאַכט זיך פאַר אָרעם.
אַן'אָרעמאַן, וואָס מאַכט זיך פאר רייך.
אַ צבוע'יאק, וואָס מאַכט זיך פאַר פרום.
און אַ מיאוסע מיידל, וואָס מאַכט זיך
שעהן ווי אַ בלום.

## 433

קאָמפלימענטן צו אַ שעהנע פרוי,
איז ווי האָניג צו אַ פליג.
לאַנג זייגט זי די האָניג
און שטעלט זיך ניט אָפּ,
ביז זי לאָזט דאָרטן איבער איהר קאָפּ...

## 434

אין דער פינסטערער ווינקעלע וואו אַ צובראָכענע
האַרץ פון אַ מיידל,
האָט פאַרגאָסן איהרע טרערן.
היט זיך דאָרט אריינצופאַלן.
דו וועסט זיכער דערטרונקען ווערן...

435

ווי אַ זעקסטער פינגער אין אַ האַנט,
איז אַ פרוי אַ שלעכטע:
שניידסט דו דאָס אָפּ,
טהוט דיר וועה ביז בלוט,
לאָזט דו דאָס איבער —
איז ווידער ניט גוט...

436

ניט שווער איז צו קענען זיך ליעבן,
מען דאַרף אויך דערצו קיין פיעל שכל האָבן.
שווער איז צו קענען אויסטרינקען דעם ביטערן כוס
פון דער ליעבע,
און דאָך בלייבן לעבן...

437

ווי שפינוועבס זיינען די געזעצן:
פאַלן גרויסע פליגן אַריין,
רייסן זיי זיך באַלד אַרויס.
פאַלן אַריין קליינע פליגן,
בלייבן זיי דאָרטן ליגן.

## 438

מאַנכע מענשן ווען עס ווערט זיי פינסטער,
ווילן בעסער ברעכן דעם קאַרק
און געהן אַליין אויפן וועג.
איידער צו בעטן אַ צווייטן, ער זאָל איהם
אַ ביסל צולייכטן,
ער זאָל קענען קומען צום ברעג.

## 439

גלויב ניט אין דעם מאַן,
וואָס רעדט צו דיר אַזוי זיס.
גלויב ניט אין דעם מאַן,
וואָס פאַלט פאַר דיינע פיס.
גלויב ניט וואָס ער זאָגט דיר:
אַז זיין ליעבע צו דיר ברענט,
ריינע ווייסע האַנדשוה,
קענען פאַרדעקן די שמוציגסטע הענט...

## 440

ווארום אַ שוויגער האָט פיינט די שנור,
דאָס איז קיין וואונדער מיר:
זי ווייסט און פארשטייט —
אַז די שנור איז ניט בעסער פאַר איהר...

## 441

די פיער ענדערן זיך שטענדיג:
ליעבע — צו אַ פרוי.
חן פון אָרעמאַן —ביים גביר.
שעהנקייט — ביי בלומען.
און גליק — ביי אַ דומען.

## 442

אויף דעם נייען וועג וואָס דער חכם האָט
אויסגעטראָטן,
איז גאַנץ לייכט פאַר יעדן איינעם צו געהן.
צו פאַרשטעהן אָבער ווי אַזוי ער האָט די וועג
אויסגעטרעטן,
דאַן מוז מען פיעל לעהרנען אַליין.

## 443

וואָס איינער איז אַנ׳אָפּטימיסט,
און דער צווייטער — אַ פעסימיסט,
דאָס איז ניט קיין קללה.
זאָל פלוצלינג דער פאַרמעגן פון אָפּטימיסט,
איבערגעהן צום פעסימיסט,
באַלד בייטן זיך ביידע מיט די ראָלע...

444

אַ סך מיידלעך פאַלן איבער אַ שטיין
וואָס איז טויזענד מאָל קלענער פאַר איהר,
ווען דער שטיין קומט —
פון אַ יוועליר...

445

די חכמה איז שטאַרקער פאַרן טויט,
זי געווינט שטענדיג געגען איהר די מלחמה,
און דאָס איז דעם חכם׳ס איינציגע נחמה,
וואָס די חכמה קען נעהמען פון טויט נקמה.

446

דער וואָס איז מקנא,
ווערט מאָגער פון יענעמס פעטקייט.
און דער וואָס לאַכט זיך אויס פון די רייכטום
וואָס ערביים צווייטן זעהט,
דער ווערט פון מאָגער — פעט.

## 447

פון די אויגן דערקענט מען
אין האַרצן דעם שטורם,
און פון זיפץ —
די טיעפע יסורים.

## 448

דער מסדר־קדושין —
דער קריגס־מיניסטער.
די חתונה —
קריגס־צושטאַנד.
די יונגע פּאָר —
צוויי סאָלדאַטן געהען אַוועק אויף אַ מלחמה.
די קינדער —
וואַפן־שטילשטאַנד.
דער גט —
געענדיגט האָט זיך די מלחמה
און יעדער סאָלדאַט פאָהרט צוריק אין זיין לאַנד...

## 449

ליעבן דעם מאַן אָדער האַסן.
דאָס איז ניט אַ פראַגע פון טעמפעראַמענט,
דאָס איז אַ פראַגע —
וויפיעל געהאַלט דער מאַן נעהמט...

## 450

ליעבע און רעגן,
אַז עס דויערט לאַנג,
הויבט אָן לאסטיג צו ווערן,
און מען ווינשט זיך —
עס זאָל שוין אויפהערן.

## 451

ווען אַ מענש וואָלט חרטה האָבן,
וואָס ער וויל טהאָן,
און וואָס ער וויל ניט טהאָן,
וואָלט ער ניט בעדאַרפן חרטה האָבן,
וואָס ער האָט געטהאָן און וואָס ער האָט ניט געטהאָן.

## 452

דער פלאַם פון ליעבע באַלייכט די וועג —
פון חתונה האָבן.
און די חתונה באַלייכט די גרוב —
וואו די ליעבע איז באַגראָבן...

## 453

אַ טראַגישער סוף פון אַ יונגען־מאַן:
מיט דעם ערשטן קוש וואָס ער האָט די מיידל געגעבן,
האָט זיך אָנגעהויבן זיין טראַגישער לעבן.
ווי זי האָט נאָר דערשפּירט אַז ער באַזיצט קאַפּיטאַל,
האָט זי גלייך אָנגעהויבן איהם אַרום שלעפּן איבעראַל,
אויף קאָנצערטן, אויף פּיקניקס, און אויף יעדען באַל.
זי האָט אַזוי לאַנג געהוליעט און זיך ניט אָפּגעשטעלט,
ביז זי האָט פאַרהוליעט גאָר זיין געלט,
צום סוף האָט זי איהם אין גאַנצן באַגראָבן,
ער האָט נעבאך געמוזט מיט איהר חתונה האָבן.
תנ״צב״ה

### 454

אַז אַ מאַן און אַ פרוי,
אָהן ליעבע לעבן.
זעהט אויס ווי איינער דעם צווייטן —
אַ נדבה געבן...

### 455

„אַ פליג איז געשאַפן:
דער שפין זאָל איהר אויסזייגן.
דער מענש —
די צרות זאָל איהם אויפפרעסן".
און די עטליכע גוטע יאָרן:
דאָס איז דער בריק פון איין צרה אין די צווייטע
אַריבערצופאָהרן.

### 456

די וואָס העלפן געפאַלענע אויפצוהויבן;
קראַנקע צו קורירן,
און די סבות פון זייער אַונגליק
ווילן זיי ניט סטודירן,
איז די זעלבע:
ווי איינער וויל מיט די תורה הגבה געהן,
אָבער די תורה אַליין וויל ער ניט פאַרשטיין.

457

„אם רעב שונאך האכילהו לחם“ —
אויב דיין שונא איז הונגעריג גיב איהם פון דיין ברויט,
אַזוי האָט געזאָגט דער קעניג שלמה.
דאַריבער טאָרן מענער ניט פאַרגעסן,
אַז מען מוז אַ ווייב געבן עסן...

458

זעהסטו אַז דאָס פאָלק איז באַגייסטערט,
זיי ווילן אַרויסשטופּן אַ באַרג וואָס פאַרשטעלט די זון.
קום ניט צו זיי מיט אַ ליכט אין האַנט צו געהן.
זיי וועלן דיר זאָ, ווי זאָ, ניט פאַרשטעהן.

459

ווי קענט איהר זאָגן:
אַז נסים האָט קיינמאָל פאַסירט;
פאַרבלענדעט די אויגן האָט מען זיי מסתמא.
איז דאָס אַ קליינער נס ביי אייך
אַז אַזויפיעל מענשן לעבן אין גאַנצן אָהן אַ נשמה?...

## 460

די פאַנטאַזיע קען צורייבן אַ שטיין,
מיט אַ האָר פון קאָפּ.
און האָט בעטהיג אַ לאָקאָמאָטיוו,
צו שלעפּן אַ ניסל באַרג אַראָפּ.

## 461

פאַר וואָס אונזערע חכמים האָבן אַלע מאָל
געהערט אַ „בת־קול"
און קיינמאָל — אַ „בן־קול".
דאָס איז לייכט צו פאַרשטיין:
אַ מאַן אַז ער שטאַרבט, שטאַרבט אויך זיין שפּראַך,
און אַ פרוי — אפילו נאָכ'ן טויט בלייבט אויך איהר
צונג וואַך...

## 462

אַז אַ מענש ווערט רייך,
קען ער זיך אַליין ניט דערקענען,
ווערט ער אָרים —
ווילן אַנדערע איהם ניט דערקענען.

## 463

דער רויך פון אויסגעלאָשענע ליעבע,
מאַכט די פרוי דאָס לעבן ביטער
אין איהר אָנגעוועהטיקטע ברוסט.
און דער מאַן —
מיט אַ נייע געליעבטע זיך קושט.

## 464

די פריידיגער וואָס וועקן כסדר דעם עולם
און זיך זעלבסט פאַרגעסן זיי אויפצווועקן,
די זיינען ניט בעסער ווי דער האָהן:
דער האָהן וועקט אויך, קוקירעקו, קוקירעקו,
און אליין די אויגן מאַכט צו...

## 465

ווען די רייכע וואָלטן זיך שעהמען מיט זייער רייכטום,
ווי דער אָרעמאַן מיט זיין אָרעמקייט:
וואָלט אַזוי פיעל אונגליקן ניט געשעהן,
און עס וואָלט אַזוי פיעל אָרעמע־לייט ניט געווען.

## 466

ווען איינער רעדט,
און דער צווייטער שווייגט,
איז נאָך ניט געזאָגט,
אַז ער האָט איהם איבערצייגט.

## 467

דער גוטער וויל געבן,
און איז ניט אימשטאַנד.
דער רשע קען געבן,
און פאַרשלאָסן איז ביי איהם די האַנט.

## 468

„חתן דומה למלך".
ניט אומזיסט האָבן די חכמים,
דעם חתן אין דעם טאָג פון דער חתונה
דעם טיטל קעניג געגעבן,
מחמת זיי ביידע שטעלן אין געפאַהר זייער לעבן...

469

די ליעבע ביים מאַן איז ווי געזאַלצענע וואַסער,
וואָס ער טרינקט מעהר,
אַלץ דורשטיגער ווערט ער.
דאַריבער זעהען מיר איבעראַל,
ווי ער זוכט צו לעשן דעם דורשט פון אַ פרעמדן
קוואַל...

470

דער וואָס נור גוטע פריינט האָט,
און ניט איין שונא ער פאַרמאָגט:
איז אַ סימן אַז ער האָט קיינמאָל אין זיין לעבן,
דעם אמת, דעם צווייטן אין פנים געזאָגט.

471

„יעדער מענש געהט דורך די בלאָטעס
וואָס עס קומט איהם פאָר אין וועג פון לעבן“.
די אָרענטליכע קומען אַרויס ריין אָהן פלעקן.
און די חזרים —
בלייבן דאָרטן שטעקן...

## 472

ווי די שנור זאָל ניט טהאָן,
וועט זי קיינמאָל די שוויגער צופרידען־שטעלן:
געהט זי לאַנגזאַם,
שרייט זי, אַז די שנור איז אַ שלימזל'ניצע.
געהט זי גיך,
שרייט זי
אַז זי צורייסט די שיך.

## 473

גאָט איז דער בעל־הבית איבער די וועלט
ווייל ער האָט די זילבער, ער האָט די גאָלד
(לי הכסף ולי הזהב)
און די רייכע וואָס ווילן ווערן ווי גאָט:
זיינען ניט געטליך,
ניט מענשליך,
נאָר חזירליך.

## 474

ווען הויבט אָן אַ פרוי צו באַדויערן,
וואָס איהר מאַן איז אַזוי יונג אַוועק פון דער וועלט;
אַז עס איז איהר שווער ארויסצוקריגן פון די
קאָמפּאַני —
די אינשורנס־געלט.

## 475

פון גאָטס מעשים קענען מיר זעהן,
ווי זיין חכמה איז גרויס:
ער האָט בכיוון געשאַפֿן הוהן פון אַ גע׳גנב״עטן ריפּ.
כדי צו ווייזן די וועלט —
אַז פון גע׳גנב׳עטע זאַכן קומט קיין גוטס ניט אַרויס...

## 476

„הכסף יענה את הכל״ —
געלט פֿאַרענטפערט אַלעס,
אַזוי האָט געזאָגט דער קעניג שלמה.
דעריבער זעהן מיר אַזוי אָפט;
ווי פֿאַר אַ פעטן נדן האָט מען חתונה —
מיט אַ פעטע בהמה...

## 477

עס איז אַ גליק וואָס מענשן שטאַרבן,
מיר דאַרפן דעם טויט ווינשן אַלדאָס־גוטס,
ווען ניט דער טויט,
וואָלט זיך אָנגעקליבן אַ וועלט מיט שמוץ.

## 478

„מים רבים לא יוכלו לכבות את אהבה".
אַזאַ ליעבע וואָס קיין וואַסער קען איהר ניט פארלעשן,
קען טרעפן נאָר דאַן;
אַז פאַרגעסן האָבן ביידע —
אַז זי איז אַ פרוי און ער איז אַ מאַן.

## 479

יעדע מיידל וואָלט זיך ווינשן צו האָבן
צוויי הויקערס פון פאָרענט און דריי אויפן רוקן,
אויב דאָס וואָלט נאָר העלפן,
אַז די מענער זאָלן אויף איהר קוקן...

## 480

אויב עס איז אמת וואָס מען זאָגט:
„אַז גאָט גרייט אָן די רפואה פריהער פאַר די מכה".
טאָ פאַרוואָס גרייטן ניט אָן די רבנים דעם גט פארדעם,
און שטעלן די חופה נאָכדעם?

### 481

אַט די יונגע־לייט וואָס דאָקטאָר מעדעצין צו ווערן
איז זייער גאַנצער שטרעבן.
די האַלטן ניט פונ׳ם מאַראַל:
לעבן און לאָזן לעבן...

### 482

דאָס וואָס אַ מענטש קען געהן,
דאָס איז ניט וויכטיק:
אויך אַלע זייגערס געהען,
ניט אַלע אָבער געהן ריכטיק.

### 483

עס קען ניט זיין אַז שטרייכער — היטלערס חבר —
איז אַזאַ גוטער רעדנער, אַז ער קען מיט זיין שארפן צונג,
אָנ׳וואַרפן אויף אַלעמען אַ מורא. —
דאכט זיך: „לא יחרץ כלב לשונו“
אַ הונט האָט ניט קיין געשליפענעם צונג,
זאָגט דאָך אונז די תורה.

## 484

וואָס מענער ווינשן זיך:
איינער ווינשט זיך,
הלואי וואָלט יענעמס שעהנע פרוי געווען מיינע.
און דער אַנדערער ווינשט זיך:
הלואי וואָלט טאַקע מיין פרוי געווען זיינע.

## 485

אַמאָל אַז מען האָט אויסגעבויט א הויז,
האָט מען אַריינגעבראַכט אַ באַנק אין הויז:
היינט אַז מען בויט אויס אַ הויז:
ברייגגט מען אריין די הויז — אין באנק...

## 486

נעהמט פון לעבן אַלע פאַרגעניגען
וואָס איהר קענט.
נאָר זייט פאָרזיכטיג צודראפּעט ניט —
דעם צווייטנס העמד.

## 487

איז דען ניט אמת וואָס מען זאָגט:
אַז עס האַלט ניט אָן אויף אייביג דעם מענשענס גליק?
אַט ווערט איינער אַנ'אלמן,
און אַט געהט ער חתונה האָבן צוריק...

## 488

די מענשן וואָס געהען אַרום מיט אַ בערשטל אין האַנט
און פוצן כסדר יעדן איינעמס נשמה,
די ווערן פאַראַכטעט איבעראַל;
אַ בעזים וואָס רייניגט די שטוב, האַלט מען אין קיך,
קיינמאָל — אין זאַל.

## 489

האָסטו אַמאָל פאַרשמוצט דיין נאָמען,
ווייסטו שוין דעם פלעק ניט אָפוואַשן קענען
דיין גאַנצן לעבן.
די שענסטע בלומען־וואַזע קען ניט אַ פאַרוועלקטן
בלום,
איהר פאַרלאָרענעם גלאַנץ — צוריקגעבן.

490

אַז אַ שכור'ער פאַלט איבער אַ שטיין,
צושלאָגט ער זיך אַליין.
פאַלט אַ סוחר —
צושלאָגט ער דעם מוכר.

491

אַ שעהנע פרוי ווי שלעכט זי זאָל ניט זיין,
ווערט זי דאָך פון אַלע מענער געליעבט און געקושט;
די שעהנקייט פון אַ גרויסן פייער ווערט ניט
קלענער דערמיט,
וואָס אין דער זעלבער צייט מאַכט דאָס אָן אַ סך
פאַרלוסט.

492

דאָס דאַרפן אַלע מיידלעך וויסן,
דאָס דאַרף זיי יעדער רב זאָגן:
אויב עס איז אפילו דאָ אין שטאָדט אַנ'עירוב,
טאָרן זיי אויך ניט טראָגן.

## 493

ווי קענסטו קלערן
וואָס טהוט זיך אין די שטערן,
אַז דו ביזט נאָך דום,
ווי עס וואַקסט אַ בלום.

## 494

איז דאָס אַנגעפּאַרבן:
שיינט ווי די זון אַ היינטיגע מאָדערנע זקנה.
ענדיגט זיך די פאַרב,
קוקט דאָס אויס — ווי אַ לקוי־לבנה.

## 495

צרות מאַכט דאָס לעבן,
שעהנער און העלער
אַ בילד אָהן אַ שאָטן,
איז דער בילד מיט אַ פעהלער.

## 496

האָט זי חתונה מיט אַ מאַן
װאָס אַלע פרויען ליבען איהם,
איז זי שטענדיג אורנרוהיג,
שטענדיג אין מורא.
האָט זי חתונה מיט אַ מאַן
װאָס קיין פרוי ליעבט איהם,
פיהלט זי זיך אונגליקליך און װערט מרה־שחורה.

## 497

װאָס איינפאַכער דער ציגאר,
און װאָס ביליגער עס איז זיינע בלעטער,
אַלץ מעהר אַש —
װערט ער דיר אָנמאַכן שפעטער...

## 498

גיסטו איינעם אַ פינגער,
װיל ער די גאַנצע האַנד פון דיר,
גיסטו אַ מיידל אַ פינגערל,
װיל זי אַז געהערן אין גאַנצן זאָלסטו צו איהר.

## 499

נור דו טרייסט דעם געפאַלענעם,
און פון הילפע ווילסטו ניט וויסן.
איז ווי פלאַנצן בלומען.
און וואַסער ניט גיסן.

## 500

מאַנכע פרויען ווינשן זיך צו ווערן אלמנות,
ניט ווייל זיי האָבן פיינט זייערע מענער,
נאָר ווייל אָנגעטאָן אין שוואַרץ,
קוקט אויס אַ סך שענער.

## 501

דער וואָס איז געבאָרן גוט בלייבט גוט
אין וועלכע געזעלשאַפט ער זאָל ניט זיין:
די זון שפּאַצירט כסדר מיט די וואָלקנס אַרום,
און בלייבט דאָך קלאָר און ריין.

## 502

ליעבע — די שליסל פון אַ פּרויענס־האַרץ.
אייפערזוכט — די שליסל פון גיהנום.
אייגענליעבע — די שליסל פון אַ קאַרגן גביר.
פערנונפט — די שליסל וואָס פאַרשליסט
פאַר די ליעבע די טיר...

## 503

ווען אַ בחור וואָלט דענקען,
אַז אַ מיידל האָט דיזעלבע פעהלערן ווי ער.
וואָלט ער פון חתונה האָבן געלאָפן —
ווי פון אַ בער...

## 504

דער וואָס קען קיין שלעכטעס אַריבערטראָגן;
ער מוז זיך באַלד אונטערגעבן.
דער וועט קיינמאָל —
גוטעס דערלעבן.

505

„יוסיף דעת יוסיף מכאוב״ —
דער וואָס האָט מעהר פאַרשטאַנד,
דער ליידעט מעהר,
אַזוי האָט געזאָגט דער קעניג שלמה.
און איך קען אַ סך וואָס ליידן פיעל,
און האָבן שכל ניט מעהר ווי אַ בהמה.

506

דער זיפץ איז דער סיגנאַל
פון אַ אַנגעוועהטיגטע ברוסט,
אַלע מאָל.
און טרערן — מאַנכעס מאָל.

507

די פרויען וואָס האַלטן זייערע מענער אין דר׳ערד,
ריידן זיך איין אַז זיי זיינען נעבאך
אונגליקליכע אלמנות,
און הויבן אָן צו נעהמען,
פון פרעמדע מענער מתנות...

## 508

די וואָס זיינען געקראָכן אויף אַלע פיער,
ווען זיי זיינען געווען קליין,
קענען זיי זיך דערפון ניט אָפּגעוואָהנען,
ביז אין גרוב אַריין...

## 509

אויב די ליעבעס־קושן פון די יונגע־לייט,
וואָלטן די מיידלעך אַנאַליזירן געקענט,
וואָלטן זיי דאָרטן געפונען וואַסער —
פינף און ניינציג פּראָצענט.

## 510

„הוי זנב לאריות ולא תהי ראש לשועלים",
אַזוי האָבן געזאָגט אונזערע חכמים.
ליידער זעהען מיר פונקט פאַרקעהרט;
אַז אַ „זנב לשועלים" ווערט דער „ראש לאריות"
און ווערט פון אַ סך מענשען געעהרט.

511

איז אין שטוב געגוג קאָרן פאַרהאַן,
שטייגט דיע ליעבע צווישן פרוי און מאַן.
ענדיגט זיך די קאָרן,
זאָגט די גמרא:
אַז די ליעבע איז די ערשטע כפרה.

512

וואָס איז דער וואונדער וואָס מאַנכע עלטערן
האָבן ניט געמאַכט זייערע קינדער פאַר מענשן.
אַז גאָט דער באַשאַפער פון דער וועלט,
האָט אויך ניט געקענט מאַכן אַ מענשן אַליין,
ער האָט געמוזט בעטן די מלאכים
זיי זאָלן איהם בעהילפיג זיין.
(נעשה אדם בצלמנו.)

513

דער גרעסטער אָפטימיסט איז דער:
וואָס קען זיין פאַרליעבט אַ סך יאָהרן.
און דער גרעסטער פעסימיסט איז דער:
וואָס האָט מורא זומער אויסצומעלקן די קוה,
טאָמער איז די מילך שוין זויער געוואָרן.

514

שטאַרבט דער מאַן —
קלאָגט די פרוי ביז אין גרוב אריין.
שטאַרבט די פרוי אָפּ —
קריכט באַלד דעם מאַן אַ צווייטע אין קאָפּ.

515

ערציהע זיך זעלבסט,
וועסטו פאַרשפּאָרן דיינע קינדער צו ערציהען;
מאַך דיין פעלד פון דערנער ריין,
וואַקסן וועלן די בלומען פון זיך אַליין.

516

אַ מאַן באַהאַנדעלט מיט רעספּעקט זיין פרוי,
ווען זי איז שטאָלץ און לאָזט זיך ניט בויגן.
און אַ זוהן אַ מוטער —
וויאַזוי זי האָט איהם ערצויגן.

### 517

די וואָס שוועבן שטענדיג אין די הימלען,
און פאַרגעסן די ערד אויף וואָס זיי שטעהען,
די לאָזן איבער זייער שכל אין הימעל,
און אַליין אין דול־הויז אַוועק גייען.

### 518

עס איז לייכטער זיך אויסצופלאָנטערן פון אַנ׳אונגליק,
וואָס אַ צווייטער האָט אויף דיר געבראַכט,
ווי פון די, וועלכע דו האָסט זיך אַליין אָנגעמאַכט:
דער שונא מוז וועבן אין דער פינסטער,
און אויך וואָס שנעלער,
קומט אויס די צרה מיט אַ פעלער
דו אָבער וועבסט אין מיטן העלען טאָג;
רוהיג און לאַנגזאַם באַטראַכט,
האָסטו די צרה, ווי אַ קינסטלער געמאַכט.

### 519

איז איינער פרום און דאָך שלעכט,
ליגט דער פעלער אין דעם:
וואָס ער האָט געלעהרנט דעם „חובת הלבבות״,
און דער „חובת הלבבות״ האָט ניט געלעהרנט איהם...

## 520

עס איז ניט ריכטיג וואָס מען זאָגט:
„אַז אַלע שטורמס קומען פון צפון־זייט".
אָט קען איך אַ סך פרויען וואָס קומען פון דרום־זייט...

## 521

ווען אַ מאַן ברייינגט פלוצלינג אַ בוקעט בלומען
זיין פרוי,
איז אַ סימן, אַז ער וויל תשובה טהאָן.
און אַז אַ פרוי ברייינגט פלוצלינג אַ בוקעט בלומען
איהר מאַן,
איז אַ סימן, אַז אָנפאַנגען צו זינדיגן איז איהר פלאַן.

## 522

די היינטיגע פרויען גלויבן ניט אַזוי אין זייערע מענער,
אַז זיי צווייפלען אַפילו אין דעם,
אויב איהרע קינדער —
זייבען פון איהם...

523

דאָס קלאַפּן זיך יום־כּפּור אין האַרצן
„על־חטא שחטאנו לפניך בועידת זנות“,
דאָס איז אַ קלוגער איינפֿאַל פֿון די פֿרומע:
כּדי פֿאַר ליגנערס האַלטן זאָל זיי דער וואָס זיצט אויבן.
ווערט ער זיי אויף די עבֿירות וואָס איז אמת —
אויך ניט גלייבן.

524

פֿאַרוואָס אין 20טען יאָהרהונדערט ווערן געבוירן
נאָר גרויסע מענשן,
דאָס איז קיין וואונדער:
פֿרויען האָבן דאָך אויפֿגעהערט,
צו געבאָרן קליינע קינדער...

525

אַז איצטער זיינען ניטאָ קיין אַלטע פֿרויען
דאָס קען קיינער אָפּשטרייטן.
און טאָמער באַגעגענט איהר אַמאָל אַנ'אַלטע פֿרוי,
איז זי געוויס פֿון פֿאַרצייטן.

## 526

פאַרוואָס אַ קאַרגער וועט קיינמאָל אין גיהנום געהן,
דאָס איז לייכט צו פאַרשטיין:
גאָט וועט דאָך ניט לאָזן שלעפן אַ „דבר אחר״,
אין גיהנום אַריין...

## 527

ווען מען זאָל ציהען אַ בריק
איבער די טרערן פון אַ עלענדע מיידל
וואָס איז פון אַ שאַרלאַטאַן פאַרפיהרט געוואָרן,
וואָלט מאַכן אַזאַ בריק דויערן —
צעהנדליגע יאָהרן...

## 528

האָסטו אַ שעהנע פרוי,
זיי פאָרזיכטיג אַז פרעמדע מענער
זאָלן ביי דיר אין הויז זיך ניט געפינען;
האָסטו אין שטוב האָניג,
היט זיך פאַר די ביהנען...

529

די ליעבע איז ווי דער ים:
דו קענסט דעם ים ניט באַגרענעצן;
אויך ניט איינצוימען,
ווען די ווילדע כוואַליעס שוימען...

530

קיין וואונדער וואָרום דער נאַר האָט פיינט די חכמה,
ער וויל איהר אין פנים ניט קוקן:
אַ פרוי וואָס מען קען איהר ניט,
ווער ווייס דאָס וועלן צו איר זיך בוקן.

531

קוש ניט דעם פייער,
ווייל ער שיינט אַזוי גוט.
קוש ניט דעם פייער,
ווייל ער וואַרמט אַזוי ליעבליך דיין בלוט.
רוק זיך אָפּ פון איהם,
שטעה ניט צו נאָהנט,
ווערסטו ניט ווערן פאַרברענט...

532

ביי די עקסטרימע פאַנאַטיקער,
איז די ליעבע צו גאָט אַזוי טיעף און גרויס,
אַז פאַר ליעבן מענשן
פעהלט ביי זיי אַ פלאַץ אין האַרצן אויס...

533

קיין וואונדער וואָרום די פאַרהייראַטע מענער
וואָס אַרבייטן שווער ווי פערד,
ווערן שטענדיג פון זייערע פרויען פאַרשוואַרצט;
פון אַ הויז דער פונדאַמענט ליגט אַלע מאָל
טיעף אין דר׳ערד...

534

אַז אַ פרוי בעט ביי גאָט: ערלייז מיר פון די צרות.
מיינט זי — פון איהר מאַן.
און אַז אַ מאַן בעט ביי גאָט:
ערלייז מיר פון די צרות מיינע,
ווייסט מען ניט פון וועמען ער מיינט,
צו פון זיין פרוי, אָדער — פון די מעטרעסע זיינע.

535

ווי אַ קלייד מיט אַ שלעפּע,
איז דער גרויסער פאַרמעגן ביים גביר,
ער טראָגט עס אַזוי לאַנג,
ביז ער פאַרצעפּעט זיך און פאַלט איבער איהר...

536

דער געפיהל ערוועקט זיך אין האַרצן
געשווינד ווי אַ בליץ,
און ווערט באַלד פינסטער צוריק.
דער שכל קריכט לאַנגזאַם ווי אַ מילב,
און קריכט אַריבער דעם לייזגסטן בריק.

537

אַ פרוי וואָס איז פאַרליעבט —
שפּילט אַלע מאָל...
אַ פרוי וואָס שפּילט —
ליעבט מאַנכעס מאָל...

## 538

עס איז קיין וואונדער וואָס מאַנכע אידן שרייען
„שמע ישראל“
און מאַכן ניט צו די אויגן:
ווייל עס האָט אַ סך מאָל געטראָפן,
אַז די צבוע׳יאַקעס האָבן בשעת מעשה,
אַ בייטעלע געלט פון קעשענע ארויסגעצויגן.

## 539

אַ גאָט אויף גוטעס צו טהאָן,
דאָס וואָלט יעדער מענש געקענט ווערן.
אָבער איינטיילן יעדען איינעם אַ באַזונדער צרה
און ניט בלייבן אין מיטן שטיין;
דערצו מוז מען שוין אַ גאָט זיין.

## 540

אַז אַ מאַן שטודירט פילאָזאָפי, דענקט ער:
וויפיעל נוצען די לעהרע וועט ברייגנען זיך
און דעם צווייטן.
און אַ פרוי —
ווי פיעל דער טיטעל דאָקטאָר־פילאָזאָפי,
וועט איהר אין שפיגל מאַכן שעהנער,
און ויפיעל קאָמפּלימענטן זי וועט קריגן
פון די מענער.

541

ניט ווייל זי איז דורשטיג,
טרינקט אַ פרוי אין אַ געזעלשאַפט וואַסער,
נאָר איהר איז אינטערעסאַנט,
אַז אַלע זאָלן זעהן איהר ברילאַנטענעם רינג
אויף איהר האַנט.

542

אורטיילן אַ מענשן זאָלסטו שטענדיג
פון זיינע קליינע טהאַטן,
פון אַ גרויסן טהאַט קיינמאָל;
מענשן פאַלן אימער איבער קליינע שטיינער,
איבער אַ גרויסן — פון טויזענד איינער.

543

פאַרוואָס אַ בחור טאָר ניט זיין קיין שדכן,
דאָס איז לייכט צו פאַרשטיין:
אַז מען גראָבט אַ גרוב פאַר אַ צווייטן,
פאַלט מען אריין אַליין...

544

אַז די פרומע גלויבן ניט אַז משיח וועט קומען,
זעהן מיר עס אַלע קלאָהר:
אָט זאָגן זיי: „אחכה בכל יום שיבוא״
און אָט בעהאַלטן זיי די קינה אויף איבער אַ יאָהר.

545

דער אויסגעפיהרטער אידעאַל,
פאַרלירט שטענדיג זיין קרוין פון קאָפּ;
קענסטו דעם הימעל מיט די הענט אָנרירן,
האָט שוין דער הימעל זיין הייליקייט פאַרלאָרן.

546

ריכטיק האָט גאָט געטאָן
וואָס ער האָט געשאַפן חוה'ן פון אדם'ס אַ זייט
און ניט פאַרקעהרט:
אַ מאַן אַז ער געהט אָן אַ זייט,
קען ער נאָך אויפ'ן גראָדן וועג אַרויפגעהן.
אַ פרוי אָן אַ זייט —
קען איהר שוין ניט העלפן אפילו גאָט אַליין...

## 547

די בחורים וואָס געהען אויף דער עלטער חתונה האָבן,
האָבן געוויס פאַרגעסן:
אַז די הויז איז שוין פאַרברענט,
האָט דאָך קיין זינען דעם פייער צו לעשן...

## 548

„רבי היה מכבד עשירים“.
אַז רבי האָט אָפּגעגעבן כבוד די רייכע,
דאָס איז קיין וואונדער,
אַ וואונדער וואָלט געווען פאַרקעהרט —
אַז די רייכע וואָלטן רבי׳ן געעהרט.

## 549

אַז צוויי מענערריידן,
הערט איינער וואָס דער צווייטער זאָגט.
און אַז צוויי פרויען ריידן —
קוקט איינע אויף די צווייטע וועלכע קלייד זי טראָגט.

## 550

אַ פרוי באַזיצט אַלע מעלות,
איהר איינצעלנער חסרון איז נאָר —
וואָס זי איז אַ פרוי און ניט קיין מאַן,
און דאָס איז גאָר...

## 551

„דער זכרון איז דער שטיין אין וועג פון האָפענונג",
דורך דעם זכרון,
האָט די האָפענונג,
איהר רייץ פאַרלאָרן.

## 552

וואו צווישן מאַן און פרוי קיין שלום עקזיסטירט,
זוך קיין אָרדענונג דאָרט;
איז דער ערשטער קנעפל ניט ריכטיג צוגעשפּילעט,
זיינען שוין אַלע ניט אויף זייער אָרט...

## 553

אַ געוויינליכע פרוי האָט אַזוי פיעל פערשטאַנד,
וויפיעל איין הוהן.
אַ אונגעוויינליכע פרוי — ווי צוויי;
אַלץ קענסטו ביי די פרויען זוכן,
נאָר זוך ניט קיין שכל ביי זיי.

(לויט קאָנפוציוס)

## 554

אַז אַ פרוי האָט קיינע קינדער,
קוקן די ווייבער אויף איהר ווי אויף אַנ׳אַלטע מיידל
אונטער אַנ׳אַנדער פאַמיליע נאָמען.
און אַז אַ פרוי האָט דריי קינדער,
קוקן זיי אויף איהר ווי אויף אַ וואונדער.

## 555

איצטער אַז די מיידלעך האָבן אָנגעפאַנגען
צו פאַרבן די האָר פון קאָפּ,
האָבן זיי שוין ניט וואָס מורא צו האָבן
טאָמער בלייבן זיי זיצען ביז׳ן גרויען צאָפּ.

סוף